STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04799

DER SHTERN-VOGN

M. M. Shaffir

Permanent preservation of this book was made possible
by Joyce Z. Greenberg
in memory of
Baruch Zeger

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. מ. שאפיר

דער שטערן־וואָגן

מאָנטרעאל, קאנאדע
1968

M. M. SHAFFIR

DER SHTERN-VOGN
(THE DIPPER)
POEMS

I gratefully acknowledge the assistance of the Canada Council in making this publication possible.

M. M. SHAFFIR (Schachter)

Montreal, June, 1968.

גלאָסאַר און עטלעכע ווערטער — בײַם סוף

Printed in Canada by
NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.
Montreal, Quebec
1968

במסתרים

די שטילקייט נעמט מיך אָן ביים מינדסטן פינגער,
און פירט מיך שטיל אַריין אין איר געצעלט.
איך הער דאָרט שטילע קלאַנגען ווייט פאַרקלינגען —
אין אַלע זיבן זייטן פון דער וועלט.

זי זינגט מיר דאָרט אַ פלאַ׳דיקן ניגון —
זי דאַרף קיין טענער נישט און נישט קיין רייד.
איך הער נאָר בלויז איר אָטעם שטיל זיך וויגן
אין שטילן בײדל פון איר הייליקייט.

דאָס בײדל פון דער שטילקייט האָט קיין תחום נישט.
ס׳איז צווישן דערפער אַ פאַרנאַכטיק פעלד, —
די שכינה איז אויף אים אַראָפּגעקומען,
אויף צו באַשירעמען די ווייטע וועלט.

אַ בלויער שניי נעמט פאַלן פון די שטערן,
וואָס צינדן זיך פאַרקלערטע אין דער הייך.
אַרום הייבט אָן אַ בענקעניש צו יערן —
אָט ווי די שכינה זאָל עס ווײנען ווייך.

וואָס וויינט עס במסתרים איצט די שכינה?
און מיך — וואָס פּלאָגט דער אומעט איצט אַזוי?
געמיינט, איך וועל די גנאָד אָט־דאָ געפינען,
וואָס פון די בלויע שטערן פאַלט זי בלוי.

איך האָב געזוכט די חכמה אין די ביכער,
און כ׳האָב געפלאָנצט אַ גאָרטן אויפן ווינט.
צי וועט די שטילקייט שטילן אַלע וויכערס —
און וועט מיך רייניקן פון חכמה־זינד?

די נאַכט איז בלוי, מיט שטערן אויף די שנייען.
דאָס פעלד איז ווייט און האָט גאָר נישט קיין ברעג.
איך וועל מיין אומעט אינעם שניי פאַרזייען —
ער זאָל מיט אים אין ווייטן ים אַוועק...

דער שטערן־וואָגן

וואָס ווייטער איר פאַרפלייצט פון מיר, געשטאַלטן ליבע,
אַלץ קלערער זע איך אייך, ווי אין אַ שטיל גענענען.
די יאָרנרעדער שרומפּן, ברעקלען זיך און שווינדן —
איך קוק אַריין אין אייער ליכטיקער מסיבה.

עמעץ האָט אַ ריר געטון דאָס פענצטער

ס'איז אַראָפּ אַ שטערן־וואָגן
פון די הייכן,
און זיין דישל
האָט געוואָלט מיין סטריכע גרייכן.

מיט זיין לייטער האָט ער זיך פאַרטשעפּעט
אין מיין קוימען —
און געבליבן הענגען און זיך וויגן
אין די רוימען.

מרה־שחורה מיינע,
טויב דו שטילע,
עמעץ האָט אַ ריר געטאָן דאָס פענצטער —
זאָג מיר, ווער דאָס איז, וואָס וויל ער?

האָט די טויב זיך מיר געשטעלט צו קאָפּנס —
הערן מיר זיך איין אין צווייען.
שטיל — סע שפּרייט זיך איבער מיר אַ ליילעך דרימל.
אין די שויבן פינטלען גרייפלעך — שנייען.

אויפן דרימל פאַלן דינע שטיינדלעך,
ווי אַ רידל זאָל מיך שוין באַהאַלטן.
דורך די צוגעמאַכטע אויגן
זע איך אַלץ דעם שטערן־וואָגן, דעם צעשטראַלטן.

ס'נעמען זיך אין מיר דערמאָנענישן וועקן,
ווי אויף צווייגן נאַכט־צייט דרימלענדיקע פייגל.
נידעריקער קומט אַראָפּ דער שטערן־וואָגן —
איבער מיר זיך נייגן.

...קינדווייז פלעג איך וואַרפן „ביזן הימל"
בלויע האָגלשטיינדלעך, דאַכט זיך, אָט־אַזוינע.
קיינס איז נישט צוריקגעקומען —
אַלע זענען זיי געבליבן דאָרטן וואוינען...

אַך, ווען איך זאָל איצט פאַרמאָגן
אַלע יענע האָגלשטיינדלעך בלויע —
איך וואָלט מיינע וועגט מיט זיי באַהאָנגען,
וואָס סע וואַקסט אויף זיי, ווי פּאָוועטיניע, טרויער.

איצטער קומען זיי מיט חסד,
און זיי ציליען זיך אויף דינע דרעטלעך,
מיט דער האַנט דערלאַנגען —
נאָר אַ ביסל שפּעטלעך...

דער מלאך־דומה

קומט דער מלאך־דומה,
גיט אַ קלאַפּ אין טירל מיט זיין שטעקן:
— „מה שמך?
שלאָפסט? איך מוז דיך וועקן."

זאָג איך.
— „און עסקת באמונה?"
—„אסור מיר, צי וויס איך.
דאַכט זיך מיר, כ'האָב יענעם אויך פאַרגונען."

— „דאָס איז נישט קיין ענטפער.״

— „מילא.״

— „נו, יעמוד צום חשבון־צדק.
מיר באַדאַרפסטו ווינציק־וואָס דערציילן.״

— „מלאך־דומה,
כ׳וויל דיך עפּעס בעטן:
לאָז דעם חשבון־צדק
אויף דערנאָך, אויף שפּעטער...״

— „בעט מיך נישט. אַפריער קומט די וואָגשאָל,
וואו סע ווערט געוואויגן און געמאָסטן.
און דערנאָכדעם — שכר ועונש.
ש ו י ן בקשות האָסטו?״

— „מלאך־דומה,
נאָך אַזאַ מין לעבן ווי אין קייטן —
לאָז מיך איצט אַ ביסל פליען —
כ׳וויל מיך אויף דער מאַמעס קבר שפּרייטן.״

— „זיי מיר מוחל,
ביסט אַראָפּ פון זינען?״
— „כ׳וויים, נישטאָ קיין שטעטל, נישט קיין קבר —
איך וועל שוין געפינען.

ס׳קען דאָך נישט געזיין, אַז...״
— „גיי שוין!
ווילסט נישט וויסן
דאָס וואָס אַלע וויסן.״

— „ערגעץ וואַלגערן זיך דאָרט נאָך אין די בלאָטעס
אויסגעפליקטע שמעס.
ערגעץ גליווערן נאָך בלוט־קאַלוזשעס
צווישן ביימער.״

— „עפּעס רעדסטו פּידרעך,
אָדער טרייבסט קאַטאָוועס.
איצטער —
דאַרפסטו שוין נישט גיין אויף קבר־אבות.

שטעל דיך פאַרן בית־דין —
אפשר וועסטו ווערט זיין..."
— „כ׳וויל אַראָפּ צו מיין פאַרשניטן שטעטל
מעסטן זיינע קברים־ערדן."

— „שלאָג נישט איבער, כ׳דאַרף דיך שטעלן פאַרן בית־דין,
דאָס איז מיין שליחות.
האַלט מיך אָן ביים קלענצטן פינגער —
גיכער!!"

— „מלאך־דומה,
וואָס זאָלסטו מיך טרייבן?
איך בין דאָך געקומען
אויף צו בלייבן.

מלאך־דומה,
הער מיך אויף צו יאָגן.
לאָמיך זיך דערקייקלען צו מיין מאַמעס קבר —
כאָטש איך זע זי אינעם שטערן־וואָגן.

לאָמיך שטיין אַ ווייל ביי איר צוקאָפּנס,
אויפן ליידיקן בית־עולם ערגעץ,
לעבן אויסגעטייטן שטעטל,—
איך וועל שוין געפינען דאָרט איר קבר־בערגל.

קיינער קומט אַהין נישט,
קיינער.
ווינטן בלויז און רעגנס
זוכן דאָרט מצבה־שטיינער.

איך וועל דאָרטן נאָך געפינען
עטלעכע מצבה־שפּליטערס —
אפשר אותיות פון דער מאַמעס נאָמען,
וואָס ער ליגט צעשאָטן אינעם ווינט און ציטערט.

לאָמיך זיי מיט זיך אין קבר נעמען,
און זיי טוליען און פאַרוויגן.
אין דער בלינדער פינצטער
וועט מיר ליכטיק זיין צו ליגן.

מלאך־דומה,
איך וועל נישט אַנטלויפן —
כ׳וויל אַראָפּ צו מיר אין שטעטל,
און דעם טאַטנס ספרים ביי די גויים קויפן.

ווייל זיי וואַרטן דאָך, די גויים, איך זאָל קומען
מבינען די ספרים אין די חזיר־שטאַלן.״
—„האָסט דען גאָלד און זילבער?״
—„נאָכנישט, אָבער צו די פיס וועל איך זיי פאַלן.״

אַלץ פאַרביי כוכבים און מזלות
פלי איך.
כ׳האַלט דעם מלאך־דומהס קלענצטן פינגער —
און ער לאָזט זיך פון מיר ציען...

פון די הייכן
זעען מיר די וויטסטע ים־מדינות.
—„וויפל איז דער מער צו פליען?״
—„אָט וועל איך מיין שטעטל באַלד געפינען.״

אָט־אָ שטעטלדיקע גאַסן.
דאָ געדענק איך — הייזער...
כ׳זוך אַ יינגל —
זאָל ער מיר אַ סטעזשקע צום בית־עולם ווייזן.

פלוצעם —
הער איך קולות, ווי פון קינדער...
און דער מלאך־דומה —
אָט געוועזן, און אָט פאַרשווינדט ער.

גיי איך נאָך די קינדערישע קולות —
קום איך צון אַ הויכער מויער —
גיי איך זיבן מאָל אַרום און נישטער,
און געפין אַלץ נישט קיין טויער.

גיי איך, גיי איך,
כ׳שלעפּ די פיס אין קייטן אימה.
אפשר זיך דערדראַפּען
צון אַ שפּיץ פון איינעם פון די שטאַרע ביימער?

אפשר
וועל איך ערשט פון דאָרט דערלאַנגען
צו די סלידן
פון די לעצטע גאַנגען...

כ׳האָב זיך קוים אַרויפגעדראַפּעט
אויף אַ בוים, ווי אויף אַן אָפּגעברענטן קוימען.
אויבן, אויפן לעצטן צווייגל,
האָט אויף מיר געוואַרט דער מלאך־דומה.

דער גן־עדן־טויער — אָפן

דער גן־עדן־טויער — אָפן.
ביים אַריינגאַנג שטייט נישט קיינער.
כ׳גיב אַ קוש די ליכטיקע מזוזה.
כ׳קען אַריינגיין, נאָר איך גיי נישט.

בלויז אַ טריט נאָר —
אויף די שפּיצן פינגער.
איך פאַרהאַלט מיך ביי אַ בשמים־ביימל.
שטיל הייבט אָן די שטילקייט זינגען.

אויף די צווייגן —
טייערע מרגליות אויפגעשטראַלטע.
בשמים־ביימל, איך וועל גאָרנישט רירן,
נאָר זיך הינטער דיר באַהאַלטן.

וואַסערלעך שעלעשטשען ערגעץ,
זילבערן און דין־קרישטאָלן.
ווי פון אַ שיפוע זע איך פאַר זיך
די גן־עדן־טאָלן.

ווינטלעך שאָרכן —
לויטערדיקע קלאַנגען.
אַלע ווינקעלעך גן־עדן
קען מיין אויג דערלאַנגען.

שטילע שירה הער איך —
שעפּטשענדיקע ליפּן.
ערגעץ נאָענט דאַרף דאָ שוועבן
דער קן־ציפּור.

ביסלעכווייז אַנטשטילן אַלע קלאַנגען.
מערשוים־פידלען שפּילן־אויס אַ שווייגן — — — —
אוי, באַהאַלט מיך, בשמים־ביימל,
היל מיך איין אין דיינע צווייגן.

נעמט מיך פּרום אַרום דאָס בשמים־ביימל
און פאַרשטעלט מיך — — —
(איך געדענק די צווייגן־אָרעמס
פון אַ פריערדיקער וועלט נאָך...)

פון אַ נידער טראָגן זיך מיראַזשן —
כוואַליעס איינגעשטילטע פייגל־סטייעס.
שאַנעווע מיין נפש
אינעם פחד־פייער.

איך וויל זען וואָס מערער,
מיט פאַרבענקטע בליקן, —
נאָר אין איינס אַזוי פיל זעענישן
וועלן מיך דערדריקן.

זאָלן נישט אַזוי די בילדער יאָגן,
איינס דאָס אַנדערע זיך נישט פאַרמעקן.
זאָלן זיי צו פליען קומען איינציק —
איך זאָל מיך נישט עקן.

און מיט חסד וואָס דו וויזסט מיר —
לאָז עס מיך געדענקען.
איך זאָל קענען אָן געפלוישן אַלץ דערציילן —
דאָס זאָלסטו מיר אויכעט שענקען.

און דו זאָלסט מיר וויזן שטילס און ליכטיקס.
לאָז מיך אויף קיין עונשן נישט קוקן.
וואָס באַטרעפט, דו נעמסט דיך אָן דעם שוואַכנס קריוודע, —
אַז מ׳האָט פריער אים געמעגט פאַרצוקן — ?

שאַטענעס, אַוועקץ! מיין אויג ווערט קראַנק פון חושך —
זאָל עס נישט פאַרלאָשן ווערן.
קומט, דערמאָנענישן, אָפּגעזונדערט —
די, וואָס איך פאַרגיס אויף אייך ביז היינט נאָך טרערן.

די ליכטיקסטע געשטאַלט פון אַלע

אָט־אָ זיצט די ליכטיקסטע געשטאַלט פון אַלע,
איינגעבויגן פרום די פּלייצע.
מאָרגן איז שוין ערב־שבת —
פאַר די ייִנגלעך העמדער לאַטעט זי, פאַרנייט זי.

שוין געלאַטעט איין מאָל, צוויי מאָל.
איטלעכס העמד דערקענען שוין די פינגער.
ענגלעך?
וועט עס טראָגן ווער ס׳איז ייִנגער...

—„וויפל קינדער, שוחטקע, פאַרמאָגט איר?"
—„איינס פון איטלעכן, א דאנק דעם בורא־עולם.
וואויל איז מיר, דער מאַמען,
און דעם טאַטן — וואויל אים."

און זי עקבערט ווייטער מיט דער נאָדל
און פאַרטראַכט זיך — — —
יאָ, זיין ליבער נאָמען
האָט געבענטשט די טראַכט איר.

פון די ניין, וואָס זי האָט אויסגעטראָגן,
האָט זי אַכטן אויפגעצויגן.
זי פאַרקוקט זיך אין דער ווייטנס —
און זי ציילט זיי מיט די אויגן...

אוי, די ווייטן איבער ימים!...
איינציקווייז די קינדער צוגענומען.
איצט נאָך פילט זי,
ווי דאָס האַרץ אין איר הייבט אָן צו ברומען.

פריער איז אַוועק דער עלטסטער —
פאַר פראַנץ יאָזעפן זיך שלאָגן.
דאַנקען גאָט, געזונט אַהיימגעקומען —
מיט אַ לידל: —
פון — מיין — טויט — זאָלסט — איר — נישט — זאָגן...

נעמט ער זינגען,
נעמען זיך ביי איר די טרערן גיסן.
— „יידענע, וואָס דאַרפסטו וויינען? —
הערסט נאָך שיסן?"

דורך אַ דינער שפּאַרע קומט אַריין דער טאַטע —
ווישט זי אָפּ די טרער, פאַרבייסט דעם פאָדעם...
נאָר דער טאַטע זעט עס דווקא:
— „דאַנקסט אַזוי דעם אייבערשטן פאַר זיינע חסדים?"

אינעם שטילן דחקות שעפּט מען נחת:
ווי נישט איז — די קינדער בליען.
אָבער, ווי, גאָט העלפט — זיי וואַקסן אונטער,
נעמט זיי ערגעץ ציען...

— „ווינטן יאָגן זיי און וויכערס.
קען איך מיך אַקעגנשטעלן?
און דער טאַטע טענהט איינס: השגחה...
זאָל עס טאַקע עמעץ אַזוי וועלן?

איינער, און אַ צווייטער,
ביז דער זעקסטער שפּרייט די פליגל.
ווי אַ פּיפּער־פויגל וואָלט זיי צוגענומען
פון די נעסטן, פון די וויגן.

אוי, דער יינגסטער, אָט־דער זעקסטער!
זיך אפילו נישט געזעגנט.
גאָט זאָל אים נישט שטראָפן —
עפּעס מן־הסתם געטראָפן אויף די וועגן..."

קינד מײנס — פלעגט זי זאָגן, קײנער זאָל נישט הערן —
טאָמער פאָרסטו, װעל איך עס נישט איבערטראָגן...
נאָך ביז איצטער
הער איך זי די װערטער זאָגן.

— „איר צעפליט זיך,
װי די יונגע פײגל — פון די נעסטן.
מיך, די אַלטע מאַמע, לאָזט איר איבער —
טרויעריק די קאַלטע שטוב צו מעסטן.

אים געװאָלט אין ערשטן בריװל שרײבן:
כ׳האָב דיך ליבערשט נאָך װי שטענדיק —
איז די פען אַרויסגעפאַלן פון די פינגער,
און דאָס בריװל איז געבליבן נישט־פאַרענדיקט...״

— „דעמאָלט, װען דער ים האָט מיך געטראָגן,
און דער װינט האָט מיך געטריבן,
ביסטו אויסגעגאַנגען —
און צו מיר דאָס בריװל נישט דערשריבן.״

— „כ׳בין אַראָפּ אין קבר אָן אַ טענה,
אָן אַ קידער־װידער.
זעקס פאַרקלעמטע װאונדן
האָבן מיט מיר מיטגענידערט.״

— „נישט קײן בריװל,
נישט קײן אות פון דיר באַקומען.
אַלע מײנע יאָרן
הוערט איבער מיר אַ טעמנער אומעט.״

װאָס די מאַמע װיל מיר זאָגן — אַלץ פאַרנעם איך,
ביזן לעצטן צײכן.
נאָר די תנועה מײנע
קען זי נישט דערגרײכן.

אין מיין תמימות
וויל איך מיט אַ שפּאַן זיך איילן —
נעמט מיך טראָגן
הינטערווייַלעכץ.

אַנגסטן מייַנע,
ביזן קבר זאָלט איר מיך נישט שווינען —
איך זאָל קומען אויסגעלייטערט
ביי דער מאַמען וואוינען...

די פאַרשטערטע חתונה

...מאָדנע רייטערס אויף די גאַסן —
דייטשע קאַסקעס, הויכע שפּיצן —
באָרד און פּיאות פליען,
און די קאַסקעס בליצן.

פלוצעם — אַ גערודער:
צוויי מנינים שטריימלען קומען אָנגעריטן —
מ׳איז געווען באַגעגענען דעם חתן —
אָט־אָ רייט ער אין דער מיטן.

ער איז העכער פון דער סוויטע
מיט אַ קאָפּ און מיט אַן אַקסל.
פון דער לופטן —
אָט איז די קאַפּעליע אויסגעוואַקסן.

נייַן, זי שפּילט נישט,
נאָר זי סטראָיעט אָן די כלים.
פלוצעם — אויף אַ לאָמפּן־סלופּ צעשרייט זיך עמעץ,
נאָר ער קען פאַר פחד גאָרנישט דערציילן.

אָבער ביי די ערשטע טענער פונעם „פריילעכס״,
פאַר דער חופּה —
אַ בהלה.
אַ געשטופּעכץ.

פּאָליציי. אַ מעלדונג: „מ׳האָט דערשאָסן —
מאַכן מיר באַקאַנט דאָ —
היינט אין סאַראַיעוואָ אונדזער קרוינפּרינץ —
אונדזערן, פראַנץ־פערדינאַנדן.

און דער קאַיזער האָט באַפוילן:
קיין מוזיק, קיין פריילעכקייט נישט לאָזן הערן — — — —״
אַלע נשים
קלייבן אין די טיכעלעך די טרערן.

אין אַ הרף־עין
כאַפּט אַרום די שטאָט אַן אימה.
וויינטן
נעמען רייסן פונעם מאַרק די ביימער.

די קאַפּעליע ווערט וואו נעלם —
און די חתונה איז ווי צעשניטן.
חתן־כלה בלאָנקען אום פאַרצאָגטע
אין דער מיטן...

*

יענע חתונה פאַרשעמטע
פון צוריק מיט וויפל יאָרן
ציטערט אַלץ נאָך
אין אַ קעמערל אין מיין זיכרון.

אָט־אָ שטייט זי
אין גן־עדן
צווישן
אַלע מיינע ליבע אָפּגעשיידטע.

דער פעטער יאַנקל

אַט־אָ זיצט דער פעטער יאַנקל.
זיך געזעצט צום מאָלצייט — מיט כוונה.
אין דער האַנט דאָס שטיקל קאַלטע מאַמעליגע
לייכט אים גלייך אין פּנים.

קאַלטע מאַמעליגע, אמת,
מיט אַ שטיקל ציבעלע, אין זאַלץ צו טונקען —
אָבער אַלע זיבן זאַטע טעמען
ליגן אין דערינען איינגעוואונקען.

ר׳איז אַוועק אין שילכל תהילים זאָגן
מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג, אויף ווייסן.
ס׳איז שוין צייט, לכל הדעות,
עפּעס איבערבייסן.

דעם „שהכל״ זינגט ער ממש —
אוי, אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען!
אַלע זיבן הימלען
זאָגן: אָמן.

אַט, אַ ביסן מאַמעליגע,
און אין שטיקל ציבעלע זיך איינגעביסן.
פון קיין בעסערע מטעמים
דאַרף מען גאָר נישט וויסן.

אַז דער פעטער יאַנקל זעצט זיך עסן,
נעמט ער זיך אין שויס אַריין אַ הינדל —
אויפצוקלייבן פונעם טיש די קרישקעס:
„קום, צדיקת, האָסט פאַרדינט זיך...

זאָג, פאַר וואָס די פּאָר פאַרדאַרטע עופות
שטשיפּען דווקא דיך און טרייבן.
ז'האָבן מורא,
ס'עט זיי גאָרנישט בלייבן?"

איינגעבויגן זיצט ער
ביי אַ ווינקל טיש, וואָס איז פאַרשפּרייט מיט עפּעס.
„הינדל, קלייב די קרישקעס —
קיינער וועט דיך דאָ נישט טשעפּען.

רק מע רייסט זיך און מע בייסט זיך.
און, געוויינטלעך, אַלע אויפן שוואַכן.
וואָס האָט מען אין דיר דערזען דען,
וואָס מע וויל דיך חרוב מאַכן?

גייסט אַרום פאַרצאָגט, פאַרציטערט.
טאָרסט דאָס קעפּעלע נישט הייבן.
הינדל טייערס,
איך — איך וועל דיר גלייבן."

אָפּגעגעסן, און פאַרטרינקט מיט ברונעם־וואַסער.
אויך דאָס הינדל טונקט דעם קאָפּ אין שעפער.
„קלוגע חיה,
לאָמיר דאַנקען דעם באַשעפער".

און ער קוקט דעם הינדל גלייך אין פּנים
און ער ציילט די ווערטער: בורא נפשות...
און דאָס הינדל קלייבט אים פון דער באָרד די קרישקעס,
און סע קוואָקעט אויכעט עפּעס אויף זיין לשון...

פּיאָמע

אין מיין שטעטל
איז געווען אַ ייִנגל, פּיאָמע — פון בנימין, —
ווערט נאָך איצט מיר פייכטלעך אין די אויגן,
ווען איך רעד אַרויס זיין נאָמען.

נישט קיין טאַטע־מאַמע,
פריינט נאָר, ווייטע,
זואוינט ער באַלד אָט־דאָ און באַלד אָט־דאָרטן,
ווייל מע מוז אים, נעבעך, מיידן...

ר'האָט געהאַט אַן אויסגעגאָסן קעפּל —
פול מיט קרעציקייט, אַזש ביזן שטערן,
זנאַכערס און, להבדיל, גוטע־יידן
ווייסן שוין נישט וואָס צו קלערן.

און ער האָט געהאַט דערפאַר אַ ספּאַזמע:
שלעפּן איבער ד'אויערן דאָס היטל:
מע זאָל ווינציקער אַרויסזען זיינע גרינדן —
דאָס געווען זיין איינציק מיטל.

יינגלעך פלעגן אים פון הינטן איבערשרעקן:
— פּיאָמע, קראַץ דיך!...
פלעגט ער זיך פאַרהויקערן אין דרייען —
און פאַרציטערט הערן דאָס געלעכטער פּלאַצן.

אָדער איינער גנבעט זיך פון הינטן,
און — אַ פּליק אַראָפּ דאָס היטל פונעם קאָפּ אים.
שטייט שוין פּיאָמע הויל און נאַקעט: —
אוי, מע זאָל אים איצט באַגראָבן און פאַרקאָפּען...

* * *

איצטער זע איך פיאָמען אין גן־עדן.
גענדזלעך פירט ער אויף דער פּאַשע.
אונטער אַ מאַראַנצן־ביימל
זיצט ער אָנגעלענט, אין האַנט אַ חומש־רש״י.

אויפן קעפּל —
שיין מיט שוואַרצע קרייזעלעך באַוואַקסן —
פון ירושלים אַזש אַ יאַרמלקעלע,
און ער גריזשעט תענוגדיק אַ באָקסער.

— איצטער וואוין איך ביי דער מומע מרים,
מרים די נביאה.
ז׳האָט אַ זילבער־קלאָרן ברונעם אין איר גאָרטן —
פון מצרים אַזש, צי נאָך פון פריער.

קודם דאַרף מען דריי מאָל זאָגן: הייב דיך, ברונעם...
קומט דאָס וואַסער צו און שעפּטשעט: שעפּ מיך, טרינק מיך.
מיטן ערשטן זופּ דערפילסטו:
אַלע דיינע גלידער נעמען זינגען.

דאָרט אַהין האָט מיך געבראַכט די מומע מרים,
און געזאָגט אַ תפילה: אוי, רפא נא —
און צום ערשטן מאָל, וואָס איך געדענק מיך,
האָט די זון מיר אויסגעקושט דאָס פּנים...

דער טאַטע שרייבט אַ בריוו...

דער טאַטע איז מעיין אין אַ ספר.
ער מאַכט עס צו, פאַרקוקט זיך אין דער ווייט —
ער דאַרף נאָך היינט אַ בריוו די קינדער שרייבן —
און לייגט אַוועק דאָס ספר אין אַ זייט.

ער נעמט אַרויס דעם טינטער פונעם שופלאָד,
די פען רירט אָן דאָס בייגעלע פּאַפּיר. —
ווי יעקב וואָלט ער איצט באַדאָרפן זאָגן:
האספו, קינדער — הערט זיך צו צו מיר...

ער שרייבט דעם בריוו צו אַלעמען אין איינעם.
זיין כתב איז דריבנינקע און פּערלדיק.
כולנו זיינען מיר בקוו־הבריאות —
איך האָף דאָס אייגענע פון אייך צוריק.

די מאַמע, נו, אַ מאַמע בענקט דאָך מערער.
זי לאָזט אַ טרער, קען זיין זי וויינט בסוד.
מה אנוש, אָבער קען אַ מענטש באַנעמען
די דרכים, די פאַרבאָרגענע, פון גאָט?

אַ מאָל געשעט: אַ מענטשן טרעפט אַ צרה;
ער מיינט באַלד: אוי, גאָטס שטראָפנדיקע רוט.
לסוף גאָר ליגט דערין פאַרגרייט אַ טובה —
די רעה איז נישט שלעכט, זי איז גאָר גוט...

אָט זענט איר איינציקווייז אַוועקגעפלויגן
מארצכם, מבית־אביכם — נו,
צי טרעפט חלילה עפּעס אָן גאָטס רצון?
איך זאָג דערפאַר: כי טוב און ברוך הוא.

פורעניותן באַרינגלען אונדז און גזרות,
איין גאָט נאָר ווייסט, וואָס מאָרגן קען נאָך זיין.
ס׳איז גוט, וואָס איר זענט איצטער ווייט פון דאַנען —
דאָס לינדערט אונדז אַ ביסעלע די פּיין...

דער טאַטע טונקט באַזאַכט די פען אין טינטער
און פּערלט אַלץ מיט דריבנינקן געשריפטס.
ער רוט זיך אָפּ, פאַרבייסט די ליפּ, פאַרטראַכט זיך...
ער פילט אַ קלעם אין האַרץ און גיט אַ זיפץ.

ביים סוף פון בריוו — אַ שטיקעלע הלצה:
לבני יקירי משה, ליבער זון, —
וואָס טוען דיינע שירות ותשבחות —
צי לערנען מענטשן עפּעס פון דערפון?...

דער טאַטע שרייבט אַ שורה נאָך אַ שורה,
דאָס בייגעלע פּאַפּיר איז פול שוין באַלד.
ער שרייבט זיך אונטער און באַהאַלט דעם טינטער —
און באַלד פאַרלעשט זיך מיר זיין ליב געשטאַלט...

דער דריטער גראַם

מע זאָגט — „דער חלום איז אַ נאַר, און גאָט — אַ האַר".
מיר דאַכט זיך אַלץ: געווען דערצו אַ גראַם, אַ דריטער.
שוין וויפל מאָל געהערט אין מיר זיין ציטער;
ער ליגט פאַרשאָטן און פאַרגעסן און — ער וואַרט...

געפרעגט ביי גוטע, פרומע לייט: וואָס זאָגן זיי?
„קען זיין, געווען אַ דריטער גראַם, נאָר ווער געדענקט עס?
די יאָרן ווייסן איינס: פאַרפּלייצן און פאַרשווענקען.
נאָך גוט, וואָס היינט געדענקט מען כאָטשבע גראַמען צוויי..."

איך זוך אין יעדן ווינקעלע געדעכעניש.
דער גראַם — נישט אַנדערש, נאָר ער וויל זיך מיט מיר רייצן.
די יאָרן ווייסן איינס: פאַרשווענקען און פאַרפּלייצן.
אומזיסט מיין מי — אַז מיר איז נישט באַשערט, איז נישט.

נאָר סיי ווי מאַטערט מיך און כ'האָב אַלץ נישט קיין רו:
איך זע אַ ליידיק אָרט נאָךביידע שיינע גראַמען.
כ'האָב פאַרט געהערט דאָס גאַנצע ווערטל — פון מיין מאַמען.
נאָר ווי, וואו איז זי איצט — ווי קום איך צון איר צו?

סע טרעפט, סע טליעט אין מיר אויף אַ ווייטער פונק —
פאַרצאַנקט ער באַלד און גיך, ווי פונקען אין אַ רעגן.
געוואַלד, ווען איך זאָל קענען ביי דער מאַמען פרעגן: —
אויב נישט דעם גאַנצן גראַם, איז כאָטש נאָר בלויז אַ וואונק...

איך ליג אין טראַכטעניש און פלאַטער ווי אַ קינד.
איך טראַכט מיך שטיל אַריבער העט אַהין, אַהין־צו — — —
נאָר רעדן וועגן גראַמען, וועגן גראַם־געשפּינצן —
איז אפשר דאָרט אַ העזה אָדער גאָר אַ זינד.

ביז כ׳האָב אַ מאָל אין שלאָף געכתיבעט, קנאַפּ פאַר טאָג:
לאימי, האָב אַ ליכטיקן גן־עדן דאָרטן,
איך שרייב דיר נישט קיין סך, נאָר בלויז אַ צוויי־דריי וואָרטן:
סע פעלט מיר אויס דער גראַם — איך גיי אַרום פאַרצאָגט...

די מאַמע הייבט זיך אויף פון אָרט און וויזט דעם בריוו
דעם טאַטן ערשט, דערנאָכדעם מיינעביידע זיידעס,
און עטלעכע באַקאַנטע אירע אין דער עדה —
און אַלע גיבן זיי אַ שמייכל אין דער טיף —

מע מוחט זיך, מע עצהט זיך — איך שטיי און גאַר —
און איידער ס׳איז אַוועק די ליכטיקע אסיפה,
האָב איך געהערט דער מאַמעס קול אין שלאָף, אין טיפן:
„דער דריטער גראַם, מיין קינד? — און זיי זיך נישט מצער.״

דער פעטער קלמן און די מומע פעסיע

א) דער פעטער קלמן קלאָגט זיך

דער פעטער קלמן פלעגט צו מאָל פאַר מיר זיך קלאָגן,
אַז ער געדענקט שוין מער נישט וואו סע שטייט אַ פסוק —
ווי ר׳האָט אַ מאָל געדענקט, אין זיינע יונגע יאָרן.

„ס׳אַזוי... אַ מאָל בין איך געוועזן אַן אַפטייקער...
אַ לייטישער אַפטייקער גייט צו גלייך צום שופלאַד,
און גיט אַ נעם אַרויס דעם פּראָשיק, וואָס מע מאָנט אים,
דאָס וועסערל, די פּיל, דאָס שמירעכץ צי דאָס שווענקעכץ.
גיי נעם דיך נישטערן און זוכן די רפואה,
אַז ס׳וואַרט, קען זיין, אַ חולה, ס׳איז פּיקוח־נפש...
ביי מיר איז דאָך אַ פּסוק ב״ה אַ זיסע זאַלבונג
צו מיינע אויסגעמאַטערטע, פאַרדאַרטע ביינער.
ביז היינט נאָך נעמט אַ נייע הויט אויף מיר זיך ציען,
אַז איך זינג אויס אויף אויסנווייניק אַ קאַפּיטל
יחזקאל, לאָמיר זאָגן, עמוס, נחמו־נחמו...
און עפּעס ווי מיר זאָלן נעמען וואַקסן פליגל,
און זאָלן מיך פאַרטראָגן אויף אַ מאָל אַהין־צו,
וואו די נביאים האָבן עס אַליין געזונגען...״

דער פעטער שלינגט אַראָפּ אַ טרער און מאַכט זיך כוח:
„דער נמשל, ווי דו קוקסט מיך אָן, בין איך אַליין דאָך:
איך האָב דעם ב״ה געהאַט ווי אין אַ וואַנט מיט לעדלעך.
געוואוסט אין מינדסטן לעדעלע וואָס דאַרטן טוט זיך,
און נישט געדאַרפט אַ פּסוק גיין ערשט נעמען זוכן.
כ׳בין צוגעגאַנגען גלייך צום ספר און געעפנט —
און אָט, נאַ, נעם דיר אים, וואָס דאַרף מען לאַנג צו מישן ...

און יעדער איינער פּסוק זינגט דאָך און ער בעט זיך,
איז גרינג אים צו געפינען — גיי נאָר נאָך די קלאַנגען...
סיי־ווי, אַ מאָל בין איך געווען אַן אַפּטייקער:
געוואוסט אין וועלכן לעדל יעדער פּסוק ליגט זיך,
געקענט אים צוגיין געמען מיט פאַרמאַכטע אויגן...

און היינט? היינט ווייס איך וואויל: דער פּסוק איז פאַראַנען,
ר'איז ערגעץ דאָ, איך ווייס, איך קען מיך אָזש געוועטן —
נאָר וואו? דאָס ווייס איך שוין נישט מער. איך זוך, איך בלאָנדזשע —
איך זוך ביז איך געדענק שוין באַלד נישט וואס איך זוך דאָ —
און טאָמער טרעף איך שוין, איז לאָזט זיך אויס אַ מעשה,
אַז גאָר נישט דאָס האָב איך געזוכט, נאָר עפּעס אַנדערש...
דער פּסוק, דאַכט זיך, לאַכט פון מיר און ער באַהאַלט זיך...
פאַר וועלכע חטאים זאָל מיר קומען אַזאַ עונש?
מסתמא אָבער קומט מיר... וואָס איז דאָ צו רעדן?...

און ער פאַרדרייט אַ דין ציגייערל פּאַמעלעך
בשעתן רעדן, און ער איז דערמיט שוין פאַרטיק.
ער האַלט עס ציטערדיק צעווישן בלייכע פינגער.
ער וויל פאַררייכערן, סע גייט אים אויס דאָס חיות.
וואו נעמט מען איצט אַ שוועבעלע? ער זוכט — און האָט נישט...

ב) דער פעטער קלמן זינגט

ווי זאָל מיר באַקומען דאָ דאָס שטיקל ברויט,
אַז מיין לאַנד, מיין הייליקס, ליידט דאָרט אַזאַ נויט,
אַז די פעלדער דאָרטן פוסטעווען אין ווינט —
אָן אַ מינדסטער ווימלעניש פון שאָף און רינד?

ווי זאָל מיר באַקומען פון דער זון דאָס ליכט,
אַז נאָר ווילדע גראָזן בושעווען געדיכט
אויפן הר־הבית און אויף יעדן אָרט,
וואו דער נביא פלעגט פאַרנעמען שטיל גאָטס וואָרט?

דאָרט אין צבֿי־ארצות, אינעם שענצטן לאַנד,
ביי דער טרערן־אָנגעזאַפּטער מערבֿ־וואַנט,
אויפן ירדנס ברעגן, אויף יהודהס בערג —
אוי, ווער קיניגט דאָרט? דער טאַטער מיטן טערק.

איך וועל טרויערן ווי לאַנג מיין לאַנד איז וויסט.
גאָרנישט קען מיין גומען זיין באַטעמט און זיס.
דאָ, אין גלות־חושך צאַנק איך ווי אַ ליכט
און איך וועל פון בענקשאַפט אויסגיין אומגעריכט.

פליגל, אוי, ווער גיט מיר, כ׳זאָל אַוועק אַהין —
כ׳זאָל דאָרט מיט דער שכינה וויינען ווי אַ בין,
און, די שעה וועט קומען, זאָל איך שטאַרבן דאָרט —
ס׳איז נישטאָ קיין הייליקערס פון יענעם אָרט.

מיר וואָלט גרינג זיין שטאַרבן, איצט אפילו, שוין —
ציון זאָל נאָר ווידער טראָגן יענע קרוין,
וואָס זי האָט אַמאָל געטראָגן אַזוי שיין.
ציון זאָל נאָר אויפגיין — גאָט, וואָס דאַרף איך מיין?...

ג) דעם פּעטערס ניי פּירעכץ

דער פּעטער טראָגט אַ שניפּס, און שיך — און נישט קיין שטיוול.
און שלייקעס טראָגט ער צו די הויזן — נישט קיין רימאַן.
און איין מאָל וואַקסט ער אויס פון טשערנאָוויץ אַ בלייכער,
די באָרד אַרומגעשוירן לייטיש און פאַרקעמט שיין.
די פּאות — אָפּגעטשימכעט פיין, — מ׳האָט קוים דערקענט אים...

(די מומע זאָגט, אַז פון אַזעלכע זאַכן, נעמט זיך
דער אונטערגאַנג אויף פּיצלעך קינדער, דאָ אַנומלט.)

געכאַפּט נישט איין מאָל שוין אַ פּאַטש דערפאַר, נאָר ס'העלפט נישט.
ער לאַכט זיך, איין זיך, אויס פון קהל און ער דערהערט נישט —
און טוט זיך ווייטער זיינס און פירט נישט קיין וויכוחים.

מע זאָגט, מע רעדט: ער האַלט נישט שטאַרק פון טייל מינהגים.
און איינער יאַקבע זאָגט, ר'האָט אים אַליין געכאַפּט שוין
זיך ווערטלען ניבעטע, — מע זאָל אים נישט צעקיילן, —
אַז תשליך און כפרות זענען נישט קיין מוז־זאַך:
אי איינס און אי דאָס צווייטע האָט מען זיך געלערנט
ביי עכו"ם גאָר, וואָס מ'האָט געוואוינט מיט זיי בשכנות.
„און מיט כפרות איז אַזוי די מעשה: מילא,
מע שלאָגט כפרות מיטן האָן, צי מיט דער הון דאָרט;
מע וואָלט דאָך אָבער כאָטש באַדאַרפט די עופות פרעגן,
צי ווילן זיי גאָר ווערן אונדזערע כפרות..."

ער גיט אַ שמייכעלע צום רעדל יונגעלייטלעך,
וואָס רינגלט אים אַרום און כאַפּט פון אים התפעלות.

„צי לאָמיר נעמען עפּעס פרייליכערס: אדרבא —
נעמט קול באשה ערווה, — איז דערפון געדרונגען,
אַז אויב אַ ייד געפינט זיך גראָד אויף טרעפּ, אויף הויכע,
און ער דערהערט אַן אשה זינגען און זיך ציקלען —
איז דאַרף ער זיך אַ וואָרף טון גיך, מיט אַלע כוחות,
פון אַלע טרעפּ אַראָפּ — און בלייבן ליגן אונטן..."

דאָס רעדל יונגעלייטלעך לעקט דערפון די פינגער.
מע לאַכט נישט הויך. מע האַלט זיך אָבער ביי די זייטן.
און טאָמער איינער שיסט אַרויס אַ ביסל העכער,
דערהערן זיך פון אַלע זייטן קולות: — שטילץ דאָרט!
ווי קער אַזאַ געלעכטער אין אַ מקום־קדוש?!

ד) דער פעטער פייערט

דער פעטער פייערט, ווייל ער זעט דאָ נישט קיין שכל:
„אַז נאָר מע טאָר נישט און מע טאָר נישט און מע טאָר נישט...
מע טאָר נישט לאַכן אויף אַ קול — סע פּאַסט פּאַר גויים...
מע טאָר נישט פייפן — גויים פייפן אין אַ חגא,
און שקצים — אַז דער פאָטער שטאַרבט זיי, צי די מוטער...
מע טאָר נישט פאַלדעווען די הענט — דאָס טוען גויים:
אין קלויסטער האַלטן זיי אַזוי די הענט, ביים פרעפלען...
מע טאָר נישט זיצן מיט צעשפּרייטע פיס, פון צניעות.
מע טאָר נישט טעלעבענדען מיט די פיס ביים זיצן —
מע שטריקט די שדים זאָקן. — טפו, צו מיינע שונאים!"

ער כאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ. די מומע אָבער הערט נישט...
זי שטייט און פּאָרעט זיך ביים שפּאַראַט ביי די טעפּלעך.
זי טוט אים אָפּ. זי זעט אים נישט — זי ווייסט: סע שטעכט אים.
דער פעטער, ווידער, ווייסט: ער טאָר זיך נישט נערווירן.
ער האַלט זיך איין מיט אַלע כוחות, בעט זיך ממש,
און ער פאַרטאַיעט זיך אויף זיינע דינסטע טענער:
„וואָס לערנסטו די קינדער אָט־די אַלע שטותים?
וואָס שלעפּסטו מערער נאָך אַרויף אויף זיי דעם גלות —
ער פינצטערט נישט גענוג? ער רייסט נאָך ווינציק שטיקער?
אַ יידיש קינד אין אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט
דאַרף קענען אונדזער אוצר נאַציאָנאַלע לידער,
דאַרף האָבן שיינע פירונגען און שיינע זיטן.
למשל, אונדזער טעכטערל דאַרף לערנען פּיאַנע.
די עלטערע דאַרף לייענען שוין אַ בוך, ראָמאַנען —
דאָס וועקט דאָס האַרץ און פירט אַריין אין נייע וועלטן.
איך הייס, חלילה, דען זיך גטן מיטן סידור?
און גיי מיט זיי אַרויס אין וואַלד איעדן שבת —
די בלומען און די לופט דערמאָנען דאָרט אין ציון..."

ביי „ציון" ווערט דער פעטער שטיל, פון צו פיל אומער...
ער זעצט זיך און ער פּאָכעט אויף זיך מיט דער דלאָניע.
ער ווישט זיך מיט דער האַנט די באַקן און דעם שטערן.
די מומע הערט נישט, זעט אים נישט — סע שטעכט אים...

ה) די מומע פּעסיע קען שוין מער נישט טערפּען

דער פעטער זיצט. ער וואַרט. ער דאַרף קיין סך נישט וואַרטן.

„איך האָב דיך נישט געזען שוין באַלד אַ גאַנצן מאָנהייט.
האָסט דיך געקהלט מסתם מיט דיינע ברידער
אין סטאַניסלע אויף אַ קאָנגרעס, צי'ן האָצעפּלאָצע.
און מיר דערציילסטו, אַז דו פאָרסט אויף די יאַרידן —
און לאָזסט מיך איבער מיט די קינדער ווי אויף הפקר.
כ'על קיינמאָל נישט דערגיין ביי דיר דעם גאַנצן אמת."

די מומע רעדט מיט האַרץ: „איך קען שוין מער נישט טערפּען.
דער אמת קומט אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער:
שוין צוויי מעת־לעת, האָסטו געהאַט געשריבן, פּליוכעט,
און דער יאַריד אין טשערנאָוויץ וועט זיך נישט שטעלן.
איז וואָס זשע העלפט דאָ גאָט? די מעשה איז אַ ליגן —
איך האָב גערעדט מיט לייט, וואָס קומען ערשט פון דאָרטן:
מע זאָגט, אַזאַ יאַריד איז נישט געווען שוין יאָרן,
און וואָכן שוין איז דאָרט קיין טראָפּן נישט געפאַלן...
מיר שיילט זיך אָפּ דאָס פנים. מילא, כ'בין דיר מוחל.
ווען דו זאָלסט אָבער האָבן כאָטש אַ טראָפּן מענטשהייט,
וואָלסטו געדאַרפט פאַרשטיין, אַז אַ געטרייער טאַטע
דאַרף קודם געבן קינדער ברויט — איך מאָן דיך מער נישט.
איך רעד שוין גאָר נישט פון קיין תכלית, ווי מיין לעבן.
מיר פעלט אַ פּיאַנע, פעלט מיר, אָדער אָרעמאַנען?
מע דאַרף אַ קלייד, אַ שוך — צו קומען צישן לייטן.
מע דאַרף, די דיינטע זאָל קומען מיט זיי לערנען.

זי גייט פון טיר צו טיר, נאַר, ווי מיר, מיין טיר מיידט זי...
משוגע איז זי דען, טאָג איין טאָג אויס צו קומען,
און ניט צו זען קיין גרייצער, נאַר אַ הא אין סידור?...
אָט נעם מיין שוועסטער, ווי מיר, באָדט זי זיך אין רייכטונג.
און וואָס? איר מאַן פאַרמאָגט אין קאָפּ, וואָס דו אין נאָגל —
ער לעטעט אָבער נישט אַרום אויף קיין קאָנגרעסן,
און האָט דערפאַר אַ שטוב, אויף אַלע מיינע ליבע.
געגלייזטע שאַפּעס זילבערוואַרג, מיט פּאָרצעלייען,
און מיט קרישטאָלענע סערוויזן, פון טשעכיי אַזש,
אַז סע פאַרכאַפּט דאָס אויג ביי איטלעכן, וואָס זעט עס.
מיט וואָס זשע בין איך, זאָג מיר, אַרגער פון מיין שוועסטער?
איך לויף חלילה דען אַרום מיט פרעמדע מענער?
און גיב אַ קוק אויף דיינע ביימעלעך, די טעכטער —
איך שפּאָר דאָך אָפּ פון מיר דעם ביסן און איך גיב זיי.
דו שיקסט מיר שיינע בריוועלעך פון אונטער וועגנס —
אין די געוועלבן אָבער גיט מען פאַר זיי גאָרנישט.
ווען איך זאָל נישט ביים טאַטן נעמען וואָכנגעלטער,
וואָלט איך שוין טילקע איצט באַשטאַנען — פּרעג שוין גאָרנישט.
סע קומט מיר אויס אַנטלויפן אין אַן אָרע־מיקל.
די שכנות שושקען זיך. מע טייטלט מיט די פינגער.
איך דאַרף דאָך זיין פון אייזן, אַז איך טראָג עס איבער.
צוליב דער אייביקער מאַנקאָליע דיינער: ציון —
האָב איך פאַרתכלעוועט די בעסטע יאָרן מיינע.
האָסט שוין געקענט היינט זיין דער שענצטער בעל־פּרנסה —
ווען דו ביסט נישט פון דאָקטער הערצעלעס חסידים.

מכוח וואָס, אַ שטייגער, וואָלט איך וועלן וויסן,
באַלאַקעט איר אַזוי אויף אייערע קאָנגרעסן?
מכוח ווי אַזוי מע שלאָגט צונויף נדבים?
וואָס פליט איר, אַז איר האָט נאָך טעכטער אויסצוגעבן?
מע דאַרף דאָך אייך דערפאַר — נישט קעגן נאַכט צו דאַכטן...

וואָס איצטער ציט אייך צו פֿאַרזאָרגן כלל־ישׂראל?!
איר׳ט שוין פֿאַרזאָרגט דען, לאָמיך הערן, ווייב און קינדער,
אַז ברענען זאָלט איר אַלע דאָרטן ווי די קינען,
אָן שאָדן יידישן, אוי, גאָטעניו געטרייער!״

די מומע גיט אַ זעץ אין טיש מיט אַ פֿאַטעלניע
און גיט אַ פּלי אַרויס. זי קען שוין מער נישט רעדן.
די טיר דערלאַנגט אַ טראַסק, אַז אַלע שויבן דרינדזשען.

ו) דער פעטער ענטפערט דער מומען צום ווּיפּלטן מאָל

דער פעטער זיצט סטאַפּאַם. ער רירט נישט מיט קיין אבר.
דער בליק איז אים פֿאַרטראַכט און ווייט פֿאַרקוקט אין ערגעץ.
ער זאָגט נאָך אַלץ, וואָס ער האָט שוין געזאָגט נישט איין מאָל.
מע וויל אים שוין נישט הערן? דאַרף מען נישט. פֿאַרפֿאַלן.

„איך וויל נישט, זאָג איך, קיין עשירות דאָ אין גלות,
נאָר גיכער וויל איך ברויט מיט וואַסער דאָרט, אין ציון.
איך וויל קיין הויז נישט קויפֿן דאָ, און אויך נישט בויען,
נאָר בויען וויל איך דאָרט, ווייל דאָרט אַהין נאָר ציט מיך.
אין גלות ווערן רייך — איך וויל דערפֿון נישט הערן.
איך וויל מיך נישט פֿאַרקניפּן מיט קיין קייט צום גלות.
איז ציון אָן אַ היים — באַדאַרף איך אויך קיין היים נישט.״

די וועגט נאָר און דער לאָמפּ פֿאַרנעמען זיינע ווערטער.
אין קול דערהערט מען ציטעריש און שטיל עקשנות:
„גיי, זאָג דעם טאַטן דיינעם מיינע קלאָרע ווערטער:
די גליקן, וואָס ער האָט פֿאַר מיר, בין איך אים מוחל.
איך דאַרף די קרעטשמע נישט, וואָס ס׳מאַכט זיך אים צו דינגען.
איך דאַרף אפֿילו נישט די פּריפּענאַציע זיינע,
וואָס ער באַגערט מיך דאָרט צו האָבן פֿאַר אַ שותּף.
איך דאַרף נישט די טראַפּיק, וואָס לעבן דער רעגאַטקע —
איך וויל נישט קיין באַזעצן זיך און נעמען זשויבן.
אַזאַ פּרנסה דאַרף איך נישט. אַ שיינעם דאַנק אים.

זאָל ע ר באַדינען די שיכורניקעס, די רייכע.
זאָל ע ר דערלאַנגען סם די פויערים, די מידע,
די מרי־נפש, וואָס זיי קומען לייד פאַרגעסן.
איך וויל פון אים נאָר איין זאַך, זאָג אים: אַ הלוואה.
צום שוואַרצן יאָר, דאָס געלט זיינס ליגט אין באַנק און פוילט דאָך,
און קיינער האָט דערפון קיין נוצן נישט — ער איינער.
וואָס האָט ער מורא, וואָס? איך צאָל אים די פּראָצענטן,
וואָס ער באַקומט אין באַנק, און אפשר מיט אַ סמיטשיק.
און די הלוואה לייג איך באַלד אַריין אין מסחר,
נישט דאָ, האָב איך געזאָגט, נאָר דווקא דאָרט, אין ציון.
איך הייב מיך אויף און גיב אַ פּלי אַוועק אַהין־צו,
און קויף מיר דאָרט אַ שטיקל לאַנד, אַ שטיקל פּאַשע,
און קויף מיר שאָף אַ טשערעדע און נעם זיי כאָוועז,
און — גאָטס באַשעפעניש וויסן איינס: זיך מערן;
איך דינג דאָרט יידן — פּאַסטעכער, און כ׳האָב בטחון —
איך קום פּאַמעלעך און אין גיכן צו עשירות, —
און מער באַדאַרף מען שוין נישט וואַרטן אויף חלוקה,
און אויף די גלותדיקע צוגעטיילטע גראָשנס —
נאָך צען מאָל אַרגער ווי אויף בעטלברויט, אויף וויסטן —
נאָר אַלע אַרבעטן ביי מיר און אַלע שאַפן:
מע שערט די וואָל פון מיינע טשערעדעס, ס׳איז פריילעך,
מע זינגט זיך צו: בשוב השם את שיבת ציון.
די טשערעדעס פאַרדעקן אַלע בערג יהודה,
און נאָר זיי מערן זיך און וואַרטן אויף דער שערצייט.
און וואָלפאַבריקן שטעל איך אויף, מיט וועבמאַשינען,
ווי אין די גרויסע שטעט, אין לאָדזש, צי אין מאַנטשעסטער,
און מיינע סחורות שלאָגן אָן אין ווייטסטע לענדער — — —
און הייזער שטעל איך אויף — און ווער סע וויל, קען דינגען,
און מיט אַ גאָרטן לעבן הויז — מהיכא־תיתי,
מיט גרינסן, און מיט פּירות, און זיך אָפּצורוען — — —״

דער פעטער קוקט זיך אום. ער זעט — אים הערט נישט קיינער.
ער פּילט אַ שטאָך אין זייט און גיט אַ זיפץ, אַ טיפן.
ער רעדט נישט מער. אים סטאַיען שוין נישט מער די כוחות.
ער טראַכט נאָך וואָך, מיט ביטערניש אין אַלע גלידער:
— אין חלום האָט מען מיר געזאָגט — מע דאַרף מיר זאָגן? —
דער טאַטע דיינער איז אַן אָפּשטאַם פון אַ ממזר,
און יענער ממזר קומט אַרויס פון דאַבאַש גזלן.
פון דאַנען נעמט זיך עס מסתם זיין האַריץ פון קרעמען,
און ער איז טויב און שמום צו מיינע רייד דערפאַר נאָר.
דאָס גאַנצע לעבן דאַרף איך מיך מיט אים נאָר ראַנגלען.
ער איז דער סמך־מם אין דילה־ריינעס מעשה,
אַ שלאַנג, אַ גיפטיקע, דער נחש־הקדמוני,
און איך, אוי, גרויסער גאָט, וואו נעם איך צו[ן]אים כוח?
דערווייך אים ד[?] דאָס הארץ, ער זאָל פארשטיין מיין טענה —
איך זאָל נאָך זען אַ ביסל גוטס ביי וויב און קינדער —
נישט דאָ, איך בעט דיך, נאָר אין אויפגעריכטן ציון . . .

דער פעטער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און הייבט אָן כליפּען.

ז) די דרשה

און אַיין מאָל, שמחת־תורה, נאָכן שיינעם קידוש,
— ר׳ איטשע פאַכטערמאַן, דער גביר, גיט אויס אַ טאָכטער —
ס׳איז דאָ אי מעד, אי וויין, אי בראָנפן מיט פאַרבייסן,
נאהיט געפעפערטער און לעבערלעך מיט בעבלעך,
און עולם נעמט צו ביסעלעך, און נאָך, און ווידער,
„לחיים״ און „לשלום״, מע פאַרציט אַ ניגון
—סע גייט אַ בלאָטע[?]דיקער אָסיען און אַ ווינטער —
און מע פאַרוואַרפט אַ האַנטביים צווייטן אויפן אַקסל,
און ס׳ווערן לויז די פיס — מ׳איז נישט געוואוינט צו טרינקען,
און מע פאַרפלעכט אַ רעדל און מע גייט אַ ריקוד —
אוי־שישו און אוי־שמחו, ווער איז אונדזער גלייכן!?

אַ מכה האָבן אַנדערע אַזאַ מין תורה,
אַ גרויסן גאָט אַזאַ, אַזעלכע גוטע מיצוות...

אַהער — אַהין, מע בעט דעם פעטער עפּעס זאָגן.
— מע וויל זיך משמח זיין, מע מיינט קאַטאָוועס. —
דער רב איז שוין געהאַט אַוועק אַהיים. אַ חלוש.
„זייטס איר דער רב, ר' קלמן, לאָזט־אונדז עפּעס הערן..."
— מע שטורכעט זיך בסוד, בגנבה אין די זייטן...

דעם פעטער האָט דאָס ביסל משקה נישט צעטומלט,
איז לאָזט ער זיך קיין סך נישט בעטן, און ער שטעלט זיך,
און גייט צום עמוד צו און דרייט זיך אויס צום עולם, —
מע וואַרט אויף אַ לצנותל, אַ מדרש־פּליאה —
נישט תמיד איז דער קאָפּ דערביי, בעוונותינו...
ער טראַכט אַ ווייל און גלייכט זיך אויס דאָס דינע בערדל,
צעשפּרייט די הענט און הייבט באַלד אָן בזה הלשון:

„רבותי, אויב כ'על עפּעס זאָגן נישט כשורה,
זאָלט איר מיר מוחל זיין — איר ווייסט דאָך: ס'איז בכוסו..."
און ער פּאַרלירט נישט מער קיין רגע: „הערט, באַרעכנט:
אַז וויפיל מיילער ס'איז פאַראַן ביי אונדז אין שטעטל —
אַזוי פיל האָבן היינט געקושט די ספר־תורות.
נישט איין מאָל בלויז, נאָר וויפל מ'האָט געמאַכט הקפות.
אי־דאָס איז מען נישט היינט צום ערשט מאָל געגאַנגען.
איז נמצא, אַז מע זאָל אַצינדערט קענען טרעפן
אויף אַלע ספר־תורה־העמדלעך פלעקן שפּייעכץ,
און פון די קינדערישע נעזלעך נאָך דאַרט עפּעס.
רבותי, פרעג איך אייך: איז דאָס אַ דרך־ארץ?"

דער פעטער וואַרט נישט אויף קיין ענטפער און איז ממשיך:
„און נישט די ספר־תורה־העמדעלעך אַליין נאָר.
אָט גיט אַ קוק נאָר אויפן דיל אין בית־המדרש —
באַשפּיגן און פאַרברודיקט, אַקוראַט אַ קרעטשמע.

און נישט דער דיל אַליין איז שוואַרץ, — די ווענט, די פענצטער.
און כ'על אייך פרעגן עפּעס נאָך — און זייט מיר מוחל: —
טליתים דאַרף מען טאַקע קיין מאָל דען נישט וואַשן?
ווי מעג מען אין אַזאַ פאַרשמאַלצעוועטן טלית
זיך שטעלן דאַווענען, פאַר גאָט ברוך הוא זיך שטעלן?

און עפּעס נאָך, רבותי, האָט נישט קיין פאַראיבל: —
כ'האָב היינט מיך אָנגעהערט מיט קינדערישע נעמען,
בפרט פון טעכטערלעך, פון קומעדיקע מאַמעס.
וואָס טויגן אייך די טריינעס, בריינעס, יענטעס, וויכנעס,
וואָס טויגן אייך די יאַכנעס מיט די מאַכליע־סאָסיעס?
וואָס טויגן אייך די אַלע מיאוסע גלות־נעמען?
נישטאָ קיין לשון־קודש־נעמען אין תנ"ך דען,
אי קלינגעדיקע שיין, אי מיט אַ טיפן זינען?
וואָס שלעפּט איר מיט געוואַלד אַרויף אויף זיך דעם גלות?
וואָס גייט איר אום פאַרצאָגט, מיט איינגעקנייטשטע שטערנס,
פאַרצרהט טאָג און נאַכט, פאַרמאָרעט, פאַריסורימט?
גענוג געלעבט מיט תפילות נאָר און מיט תחנונים.
וואָס טויג אייך אין ליקוטי־צבי אזוי זיך ווייקן?
הקיצו — כאַפּט זיך אויף, ביז וואַנען וועט איר שלאָפן?
דער גלות איז אַ שריפה, און מע דאַרף אַנטרינען.
גענוג געוואַלגערט זיך אין אים און זיך פאַרגיאָרעט.
דאָס לאַנד פון די נביאים ליגט אַ וויסטס און וואַרט דאָך,
דאָס צוגעזאָגטע לאַנד — וואָס קומט איר עס נישט נעמען?"

דער פעטער שטעלט זיך אָפּ, ווי עפּעס וואָס פאַרגעסן,
און גיט זיך באַלד אַ כאַפּ צוריק, מיט האַרץ, מיט פייער:
„און נאָך אַ זאַך, רבותי — זאָל אייך נישט פאַרדריסן:
איך האַלט, אַז ס'איז אַ מוראַדיקער באַרבאַריזמוס,
וואָס נאָך דער חופּה שערט מען אָפּ די האָר דער טאָכטער,
מע פליקט איר אָפּ דעם קאָפּ, אָט ווי אַן עוף נאָך שחיטה.

מע טוט איר אויס די שיינע קרוין, די גאָט־געשענקטע —
לעהיי ווי דאָס זאָל זיין אַ דין אין תורת־משה.
ס׳אַ ליגן, נישט קיין דין! ס׳איז נאָר דער טעמנער גלות!
אַן אשה דאַרף זיין שיין — דער מאַן זאָל צון איר גלוסטן — — —״

דער פעטער האָט געוואָלט נאָך עפּעס ווייטער זאָגן,
נאָר ר׳האָט געכאַפּט אין קאָפּ אַריין אַ נאָסן האַנטעך,
וואָס עמעצער האָט גוט געצילעוועט מסתמא.
און איידער נאָך ער האָט באַנומען, וואָס דאָ טרעפט זיך,
האָט ער געכאַפּט אַ צווייטן האַנטעך, גלייך אין פּנים,
אַ האַנטעך מיט אַ לייכטערל אין סאַמע מיטן,
און באַלד טליתים־זעק און שנויצן ליכט אַ רעגן.

דער פעטער איז אַוועק אַהיים בבושת־פּנים.
נאָר צון אַ יונגנמאַן, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען,
האָט ער געמאַכט: „אַזוי? דעם רשע־הקהל געשוועלט נישט?
איז מעג ער מיך מנשק זיין. גיי שוין, און זאָג אים.״

ח) די מומע פּעסיע רעדט צו זיך אַליין

די מומע רעדט צו זיך אַליין, אַז זי פאַרבענקט זיך...
דער פעטער איז אַוועק אויף אַ יריד — און שרייבט נישט.
דעם איינעם בריוו, וואָס זי האָט ווייס־איך־ווען באַקומען,
אַ חודש באַלד — זי קען אים שוין פון אויסנווייניק.

זי לייענט ביי דער שיין אין פענצטער, מיטן בליק נאָר;
זי האַלט שוין פלוצעם אויפן צווייטן־דריטן זייטל.
„— — — די היצן זענען גרויס. איך טרינק דאָ זאָדע־וואַסער,
און מיט אַ לעפעלע דולטשעץ, אויף צו פאַרזיסן.
אַזוי־אַ נעמט מען אויף אַ גאַסט אַצינד ביי לייטן.
מע רופט עס דאָ מאָדערן, ווייל טיי איז שוין אַלטמאָדיש.״

זי מישט און דרייט די בלעטלעך — ביז איר בליק פֿאַרהאַלט זיך:
„איך שרייב דיר נאָך אַ מאָל, און כ'הער נישט אויף צו שרייבן,
און כ'וועל נישט מיד דיך בעטן, אַז דו זאָלסט מיך פֿאָלגן:
איך וויל, דו זאָלסט צוריק די האָר דיר לאָזן וואַקסן.
איך האָב עס דיר געזאָגט נאָך תּיכּף נאָך דער חופּה.
דאָס שייטל מאַכט דיך אַלט. דו ביסט נאָך נישט קיין אַלטע.
איך זאָג, דו שלעפּסט אויף דיר אַליין אַרויף די אַלטקייט.
דו לאָז די אַלטקייט קומען, ווען ס'וועט גאָט זי שיקן.
די תּורה הייסט אַ שייטל טראָגן? בבא־מעשׂות.
און טאָמער האָט די רביצין צו דיר אַ טענה,
איז זאָג איר: כ'האָב געזאָגט, ס'איז נישט איר באָבעס עסק.
מ'עט זי אויף יענער־וועלט פֿאַר דיינע זינד נישט שמייסן.
איך נעם אויף מיר דעם חטא — עלי ועל צוואַרי."

גענוג. זי היפּעט איבער עטלעכע בלעטלעך.

„גיי ווינציקער אין בעסעדעס צו דיינע שכינות,
און היט די קינדער — וועסטו האָבן מערער מצווה.
און, הערסטו, גיב נישט נאָך דער קליינער די קאַפּריצן.
און נעם אַ בלאַט אין האַנט, נישט אייביק צענערענע..."

זי ווערט אַן אויפגעקאָכטע און סע טראָגט זי אונטער:
— דאָס שלענדרעוועט אַרום און קוקט נישט אָן די קינדער —
און האָט צו מיר נאָך טענות און ער גיט מיר עצות...
ער וועט שוין ביי מיר לייזן יענעם ברוך־הבא.

זי כאַפּט זיך באַלד צוריק: — ר'איז גאָר אַ תּל געוואָרן,
און אונטער ווײַגנס קומט ער אָפּ געגנוג מסתּמא.
ר'איז אין דער היים, איך זע אים צו, — איז האַלבע לייד נאָך.
איך קען דאָך זיינע מיחושן — שוין צייט צו קענען.
אַ מענטש — אַ ווילעוואָק, אַ ליאַדע ווינטל שאַט אים.
ער קומט צו פֿאָרן, איז ער צוגעקילט, פֿאַרחושכט.

סע רייסטביים הארץ — ער איז דאָך עפּעס פאָרט דער טאַטע.
איך הייב אָן גיסן אין אים ליפּע־טיי מיט האָניק —
ביז וואַנען איך דערלעב, ער קומט אַ ביסל צו זיך.
וואָס איז דען אַ פאַרקילעניש? סע קומט, גייט איבער.
די פרעמדע עסנס אָבער שאַטן אים צום מאָגן.
ער גיט אַ כאַפּ געפּעפּערטס, פּאַפּריצירטס מסתמא,
און קוילעט זיך אַליין אַוועק אויף גאַנצע וואָכן.
נישטאָ אין וועג „דאָס שלעכטע ווייב״, וואָס זאָל אים היטן.
איז טויזנט־גילדן־קרויט די איינציקע רפואה.
נאָר טאָמער איז דאָס ווינציק, האָט ער נעבעך, ווערעם.
איז ווערעמקרויט; נאָר עפּעס זע איך נישט, ס׳זאָל העלפן.
זיי גייען ביי מיר נישט פון שטוב אַרויס, די קרייטער.
איך פּאָרע, איך פאַרזיד — די שטוב ווערט פול מיט ריחות,
איך נעם אַלץ אָן פאַר ליב, ס׳זאָל זיין כאָטש צו רפואה.
איך קוק נאָר אָן די ביטערנישן — נעמט מיך איבלען.
אוי, גאָט, איך זאָל נישט זינדיקן מיט מיינע ווערטער.

אַבי אין בראָד — אַ חכמה! — נעמט מען אויף מיט וואַסער,
מיט זאָדע־וואַסער און דולטשעץ — אויף צו פאַרזיסן...
אַ נייע מאָדע! און מע שעמט זיך גאָר דערמיט נישט.
מע פּטרט אָפּ. אַ גלעזל טיי איז דאָך אָן אַרבעט...
די קאַלטע וואַסערן פאַרשאַטן אים צום מאָגן —
דערנאָך האָב איך אָן אַרבעט — נאָר איך קלאָג מיך שוין נישט.

נאָר כאָטש ער איז אַ ווילעוואָק און קיין פּיטרעט נישט,
איז קומט צו זייערע קאָנגרעסן — קערט ער וועלטן.
צו יענע זאַכן, לויט מע זאָגט מיר, האָט ער כוח.
ער רעדט מיט רעצעפּיכע, עולם לעקט די פינגער.
די ספּלאָדימענטן, זאָגט מען, גייען ביזן בוידעם.
אַ גליאַק האָט מיך באַטראַסקעט — לאָמיר שוין דערלעבן,
צו הערן בשורות בעסערע, און גאָר אין גיכן.

און תשעה־באב, צו איכה — ווײ, וואָס דאָס צעאַרבעט!
ווי נעמט זיך צון אַ מאַן אַזוי פיל בוכן טרערן?
ס׳איז טאַקע ביטער, וואָס דאָס בית־המקדש שטייט נישט,
נאָר מ׳האָט זיך דאָך אַזוי פאַרדינט, בעוונותינו.
איז וואָס זשע כליפּעסטו און וויפל איז דער שיעור נאָך?
אפילו ביי אַ מת, חלילה, גאָט זאָל היטן,
באַדאַרף מען נישט און טאָר מען גאָר אַזוי נישט קלאָגן.

און ווידער טרעפט אַ מאָל, אַז פון דער העלער הויט גאָר
באַפאַלט אים עפּעס אַ מאַנקאָליע, און ער בייט זיך —
ער שטעלט זיך אויפן טיש און נעמט זיך פלוצעם גאָרגלען
אויף אַלע קולות, און אַפילו מיטשע וואָטשע —
און סאַמע ציונדיקע שטיקלעך פונעם סידור —
אַלץ אייגענע, אַליין פאַרפאַסטע קאָמפּעדריציעס,
און איך מיט ביידע טעכטער מוזן שטיין און הערן
און זאָגן אים מבינות; זאָג איך: סע געפעלט מיר...
די ווערטער זענען הייליק, טאָר מען דאָך נישט לאַכן..
ס׳זאָל אָבער בלייבן צווישן אונדז: ס׳האָט אַלע כריינען...

די מומע כאַפּט זיך אויף: אוי, מוניע־מה־חיינו?
ווי זע איך אים שוין אין דער היים... די קינדער בענקען...
און לאָמיך נישט פאַרגעסן, וואָס ער בעט מיך קויפן:
אַ פידעלע גלאָבין, די שיך צו פוצן — ערשטנס,
דערנאָך אלאון צעקלאפּטן — פאַר די פיסן־פינגער...

דאָס האַרץ אירס נאָרט נישט אָפּ, ער קומט — נישט היינט,
איז מאָרגן.
זי גיט אַ זיפץ: אוי, גאָטעניו, — און גיט אַ שמייכל..

אונטער דער שטערן־חופה

דעם ח׳ מלך ראַוויטש,
דעם שטערן־קענער —
צו לאַנגע, געזונטע יאָרן.

— א —

זעט, די נאַכט, די מטרוניתא —
אירע אַלערליי קרעדענצן
האָט זי אויפגעשפּראַליעט,
און אַרויסגעשטעלט די זילבערוואַרגן
פון איר פּאַלאַץ
אויף די פענצטער.

אירע צירונג־קעסטלעך האָט זי ברייט צעעפנט,
ווי צו ווען פלעפן —
איידל אַלץ צעוואָרפן,
זיך געגומען וואָס זי האָט באַדאָרפן,
אָבער נישט צוריק צונויפגעקליבן.
זאָל מען שטיין ווי צוגעצויגן,
זאָל מען עסן מיט די אויגן...

עטלעכענע הדסן צעשענקט זי —
זי צעהענגט זיי
אויף אַ שטראַלנרינג, אַ דינעם,
און באַפעלט זיי:
וויגט זיך און פאַרשמעקט די וועלטן!...

בשמים־ווינטלעך הער איך נאָענט רינען.
סאפרען־ריחות
ריזלען פון די הייכן,
מיט געשאַרך פון קילע קרעפדעשינען.

— ב —

לייטן האַלטן זיך אין סודען —
און מע טאָר נישט איבערפרעגן:
וויפל זי זאָל נישט אַרויסבאַווייזן
איר פאַרמעגן —
האָט זי אלף־אלפי מאָל נאָך מערער.
ערגעץ וואו אין ווייטע אוצר־הייזער —
ווייט, מע קען עס נישט באַקלערן —
ליגן אָנגעשאָטן פולע הויכע היילן
מיט אבנים־טובות און מרגליות,
וואָס זי קען זיי גאָרנישט איבערציילן —
וואָס זי ווייסט אַליין נישט
וויפל זי זאָל דאָרט פאַרמאָגן.

נאָך אַ זאַך: און אַלץ איז כסף־צרוף —
שמאָכטעס קען זי נישט פאַרטראָגן.

— ג —

אויף די הימל־סטעזשקעס
וואַלגערן זיך פערלשטיינער,
נעפּלקרעלן —
נאָר סע טשעפּעט זיי נישט קיינער,
קיינער וויל זיי דאָרט נישט וועלן.
ציטער־שפּילקעס טראָגט די נאַכט אין אירע קרויזן.
סגולה־צירונג — אויף די גלוסטנדיקע אַקסלען—

ווער סע זעט זי, פילט אין זיך דאָס חיות וואַקסן.
בראָשן שפּרינקלען,
בייטשלעך דימענטקרעלן ווינקען
אויף איר בוזעם, דעם פּאַרדעקט־אַנטבלויזטן,
צווישן אירע אויסגעטאָקטע רונדיקייטן.
זי אַנטבלויזט זיי וויפל נאָר מע דאַרף עס,
וויפל נאָר מע מעג עס,
וויפל ס׳איז אַ חטיבה
אויף אַזאַ באַגעגנס;
וויפל ס׳איז מרומז און געכתיבעט
אינעם שטערן־ספר, אינעם אויסגעשפּרייטן...

פינגערלעך פון מערשוים,
בראַנדזעליעטן פון געפינטלטע בורשטינען —
אויף די הענט און אויף די אָרעמס.
אָבער ווייסעך! קרעלן — שמעלן!
ווער האָט דאָס אין זינען?
זי אַליין טוט טון געפעלן.

— ד —

שטערן־העפטערס ציליען שטערן
אויף לבנה־פעדעם —
און מיט שנורן שטערן־פערל
כתיבען זיי דאָרט עפּעס
אויף פּרוכתן, אויף ברייט־צעשפּרייטע...

קוקט מען מיט כוונה, זעט מען אותיות —
אָט איז איינע, אָט אַ צווייטע,
אָט אַ דריטע,
און דער שם־הויה,
שטערן־אותיות פייער, —
איז אַריינגעהאָפטן סאַמע אין דער מיטן...

נישט קיין איינציק אות איז דאָ צעוואָרפֿן.
אַלץ איז מיט אַ סדר, מיט אַ שיינעם —
אָבער בלויז די בעלי־ח״נען
זאָגן, אַז זיי קענען איבערלייענען
וואָס אין הימל־ספֿר שטייט געכתיבעט.
בלויז די אויסדערוויילטע,
גאָר געציילטע, —
עפּעס דאַכט זיך זיי, אַז זיי פֿאַרשטייען
אַלע שטערן־אויסגעצייען
אויף דער חופּה־סטעליע
און אויף די פּרוכתן, די חופּה־ווענטלעך.
אָבער, אַך, דער עיקר בלייבט זיי אומפֿאַרשטענדלעך.
וואָס סע טוט זיך הינטער אַלע הימל־שבֿילין —
קען מען אפֿשר סיידנס קוים אַ מאָל דערפֿילן...

— ה —

וואָס איז דאָס — אַן ארון־קודש,
צי אַ הימלדיקע סוכה
מיט צעשוועבטע פֿליגל?
אפֿשר גאָר אַ חופּה?
וואָס אַלץ מער איך האַלט אין קוקן —
זע איך אַלץ וואָס מער וואונדיירים
אין דער הייך זיך שפּיגלען
און זיך טוקן.

יאָ, אַן ארון־קודש...
יאָ, אַ סוכה מיט צעשפּרייטע פֿליגל...
און אָט שוועבט אַ חופּה — פֿלאַטערט, וויגט זיך...

ווער פֿון די אושפּיזין וועט דאָ קומען
נעמען פּתיחה?
ווער וועט זיין דער חתן דאָ, די כלה,
גאָר אין גיכן?

וואָס וועט דאָ זיך טרעפן?
גאָט, דו לאָז מיך וויסן.
אַלע מיינע חושים זיינען אויפגעעפנט.
איך בין אויפגעלייגט צו ניסים.

וויזסט מיר דורך דער אויסגעקרימטער שטערן־סטעליע
ווייטע, ניסתרדיקע זוהר־שוועלן,
און דו לאָזסט מיך טראַכטן:
ווער, צו וואָס, פאַר וועמען אָט־די אַלע פראַכטן?...
מיך, דאָס מענטשעלע, האָסטו באַשאַפן —
איך זאָל אַלץ באַוואונדערן, — און גאַפן?

— ו —

אַז ס׳איז דאָ אַ חופה, אָט־אַזאַ געגרייטע,
מיט פּרוכתן געשפּרייטע,
שטערן־אויסגעניטע —
ווי אַ הימלדיקע סוכה,
אַ געצירקלטע מיט שטראַליקייטן,
און מיט פּירות און תכשיטין אויסגעהאָנגען,
און זי האַלט זיך אַלץ אין צירן —
מוז דאָך ערגעץ זיין אַ חתן־כלה,
און דער עיקרשט:
מוז דאָך עמעץ וועמען צו דער חופּה פירן...

גריילעך, אויב אַזאַ מין הימל פליטערט —
מוז דאָך ערגעץ זיין אַ האַרץ, וואָס פרייט זיך
און וואָס ציטערט...

— ז —

ווער האָט אויסגעפּוצט און אויסגעשלייערט
אָט־די חתונה־געמעכער?
ווער איז זי, די מטרוניתא
מיטן זילבערמאָן־באַשטעקטן פּעכער;
מיטן דימענטענעם שטערן־טיכל;
מיט די בלויע פליטערקאַמען אין די פלעכטן?
וועמען זעט זי מיט פאַרבענקטע אויגן
דורך די שטערנגרויגן?
וועמען ווייזט זי אירע אויערינגען —
גליווערדיקע שטערן־הענגלעך?
ווענענען איר האלדזבאנד
און די בלינצלדיקע שפּיצנווארגן?
ווענען ווייזט זי דאָס איר בריסטצעך
מיט די פּערל־מוטער־בראָשן?
אירע גאָלדגעליישטע מאַנדאַליאָנען — ווענען?
וועלכער חתן דאַרף דאָ וועלכע כלה נעמען?

איטלעכס מינדסטע ווינטל האָט זיך אויסגעלאָשן...

— ח —

זינט נאָך שקיעה
זיצן שוין דער כלהס אַלע חברטאָרינס
און זיי שפּינען,
און זיי ציען
פעדעם זייד מיט זילבער־פינקל —
און מ׳האָט אויסגעשפּרינקלט
פאַרן חתן גאָר אַזוינס אַ טלית־זעקל.
אָט־אָ שוועבט עס —
עמעץ האַלט עס ביי די עקן.

— ט —

זיבן שטערן־לייכטערס
הענגען פון דער הימל־סטעליע.
אָפּגעשייערטע און פולע —
ווי מע זאָל באַלייכטן אַ הילולא.
זיבן העסעס
וואַקסן פון די זייטן —
אַז מע זאָל דאָס מינדסטע שטערנדל, דאָס ווייטסטע,
נישט פאַרזען און נישט פאַרגעסן...

— י —

ווער וועט נעמען אונטערפירעכץ, דאָס שושבינות?
העט דער גאַנצער הימל שטערן זאָגט: די שכינה —
וויפל נאָר פאַראַנען איידלקייטן —
קען מען זיי אין איר געפינען.

— יא —

פּלוצעם פליט פאַרביי אַ שטערן, אַ שטאָפּעטל —
מיט אַ דגל,
ווי אַ זילבערוויסער זעגל,
איילט ער זיך און פאַלט אין מיטן פליען.
מע פאַרגעסט אים —
אָבער אַלע ווייסן:
באַלד באַווייזן זיך די געסט דאָ. —

מאַכט אַ וואָרע:
אָט־אָ ציען
די אושפיזין.

און אַ רגע שפּעטער
ווייזט זיך אין דער ווייט אַ גאַנץ געזעמל דגלים —
אויף צעבלאַנקטע שפּיזן.
ערגעץ
מוז שוין וועקן זיך דער חתן פון זיין חלום.

און באותו רגע
גיט אַ שטערנדל אַ צאַפּל פּונקט אַקעגן,
הייבט אָן פאַלן — — —
ערגעץ
וואַרט די כליפּעדיקע כלה,
אַ צעשטראַלטע...

— יב —

די לבנה דעקט זיך צו די אויגן,
ווען דער חתן דאַרף די כלה טרעפן.
קוים אַ שפּעלטל לאָזט זי אויפגעעפנט —
ער זאָל נאָר אַ ביסל זען איר חן זיך שפּיגלען,
און ביי זיך אין האַרץ פאַרזיגלען.

— יג —

אַ פּרוכת האָט געטאָן אַ לייכטן פלאַטער
און אַ וויג זיך —
כ׳האָב געפילט דעם טיול פון זיינע זוימען
פעכלען פון די רוימען,
ווי אַ שאָטן פון אַ טויבן־פליגל.

נאָענט
האָט פאַרבייגעשוועבט אַ זעלטנדיקע כלה:
אַ בת־מלכה פון די מזרח־ווייטן —
אין אַ פּאַלאַצהיים געוועו ביז איצט פאַרשלאָסן.
אויף איר סטעזשקע זייט ווער
פינקלדיקע טשערניטשקע פון אַלע זייטן,
מזלדיקע שטערן־פּראָסע.

די געשלייערן מיט דימענט־אויסגעהעפטסן
און באשפּרינקלטע מיט רויזן־וואַסער.
זי האָט איידל זיך צו מיר אַראָפּגעבויגן —
כ׳האָב געזען איר צניעות אין די אויגן,
און געפילט איר אָטעם הייס אויף מיינע לעפצן...

— יד —

אוי, די נאַכט האָט אָנגעוואוירן
אַ שמאַראַגדן אויערינגל!
זי האָט באַלד אַראָפּגעשיקט אַ ווינטל:
— גיי און נישטער אין די גראָזן,
ביזקל דו געפינסט עס.

זוכט דאָס ווינטל, רוט נישט.
און דאָס פּנים פון דער נאַכט פאַרקרימט זיך
אויף אַ רגע.
מיך איז אויך דאָס ווינטל צוגעלאָפן פרעגן.
זאָג איך: — איך? איך שווער ביי מיין נאמנות!...
נאָר אין האַרצן נאָר איך —
כ׳האָב געזען, אַז אין די פאַלבן פון דער שלעפּע
האָט דאָס אויערינגל זיך פאַרטשעפּעט.

נייגט זיך איבער מיר די נאַכט און נעמט אַרום מיך,
זי איז בלויע זייד און שוואַרצער סאַמעט:
— אין מיין היכל וועסטו מעגן קומען,
נאָר דאָס אויערינגל וויל איך.

כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן
ווי אין תפילה.
כ׳האָב מיך טיף אַראָפּגעבויגן,
מיט די ליפּן אָנגענומען דאָס געהענגל —
און עס איר דערלאַנגט צום אויער — — —
און די רגע האָט אַן אייביקייט געדויערט.

— טו —

זאָל דאָס זיין אָט־דאָרטן דער לוויתן?
יאָ, מיט סוויטעס העכטן.
און דער שור־הבר — אָט איז ער!
קומט ער שוין, מע זאָל אים שעכטן?...

אויף די הערנער האָט אים ווער אַרויפגעשטאָכן
בולקעס.
ביידע, סיי דעם פיש און סיי דעם בופל,
וועט מען טאַקע קאָכן?

ניין, פאַר יענער גרויסער, פאַר דער גרעסטער סעודה,
וועט מען שוין נישט דאַרפן מער קיין בלוט פאַרגיסן.
אין קאָלירטע זיידגעוואַנטן,
ווי אין אַלטע ספרים ווערט דערמאָנט וואו,
וועט מען מיט די אויגן אַלץ געניסן.

מיט די אויגן וועט מען שטיקער בולקע טונקען
אין די ראָסלפליישן,
און די פישנרויגן
וועט מען אויכעט עסן מיט די אויגן —
ווי ס'איז אַלץ אין אַלטע ספרים אָנגעוואונקען.

און דער שור־הבר וועט האָבן שור־הבערלעך;
און לויתן־פישלעך — נאָר אויף זיך צו שפּילן.
און אַ שטויס פון הערנער וועט נישט זיין געפערלעך,
מ'עט אים אַזש נישט פילן.

— טז —

גאָר אין שכנות כאַפּט זיך אויף אַ פויגל,
גיט אַ פּרואוו די דינע כלי.
אותו רגע — פייגל שוין אַ גאַנץ געזעמל,
ס'איז שוין שווער זיי איבערציילן.
וואָס זשע זינגט מען — וועלכן זמר?
וואָס זשע שפּילט מען — וועלכע דאָברידענען?...

מאָרגנווינטלעך הייבן אָן די לופט צו ווישן —
עפּעס שושקען זיי זיך און זיי שאָרכן.

גאָט, וואָס נעמען איצט אין מיר זיך רירן פאָרכטן?...

וואָס האָסטו געדאַרפט באַשאַפן רשעות,
וואָס זי וויל מיך טיליקן און ברענען?

אין אַזאַ מין וועלט מיט גוטער שיינקייט,
איידלדיקע פּראַכטן,
הערלעכקייטן פרומע, —
וואָס האָסטו געדאַרפט פאַרטראַכטן
אָט־די וויכערן געמיינקייט,
וואָס זיי בושעווען אַרום מיר?

האָסט מיך איינגעגנעסטיקט אין אַ גאָרטן,
אין אַ לעבעדיקן פּאַלאַץ —
מיט די שענסטע גאָלדפּאַזאַנען,
מיט די צעדערביימער העכסטע, —
וואָס זשע הער איך דיינע שפּרייזן דורך די נעכט נישט?
וואו באַהאַלטסטו זיך און וואו ביזטו פאַראַנען,
וועכטער?...

— יז —

ווער האָט מיך פאַרבעטן דאָ־אַהער־אָ,
צו די רייכגעדעקטע סעודה־טישן?
וואָס באַדאַרף איך דאָ באַגערן,
וואָס דאָ אויפטון?

פלאַגנדיקע טראַכטענישן
פלאָנטערן זיך מיר אין זינען,
עקבערן און שרויפן:
ווער איז ער, דער עמעץ,
וואָס ער וויל, איך זאָל מיך דאָ געפינען?

וואָס זשע דאַרף ער גראָד אָט־איצט די סאָווע שיקן,
זי זאָל נעמען קלאָגן
און מיר זאָגן,
אַז נאָך העט דעם גאַנצן פרייד־קאַטאָוועס,
העט נאָך אַלע העטן,
קומט דער יום־המות?...

עמעץ וויל, איך זאָל מיך דאָ געפינען, —
וואָס זשע דאַרף דער לץ, די סאָווע, פון מיר שפעטן?

— יח —

פלוצעם איז אַ ווינטל אָנגעקומען
מיט געשושקעריי, מיט סודות —
האָט די הימל־חופּה זיך געטאָן אַ הוידע...
שטערן האָבן איינציקווייז גענומען בלייכן
אין די הייכן,
צוגעמאַכט די ליכטיקדיקע אויגן —
און פאַרפלויגן.
ערגעץ האָט אַ קריי געגעבן דער באַגינען — — —

וואָס איז דאָס אין מיטן דערינען?
אָט געווען אַזאַ מין גרייטנס —
אָט איננו...

אָבער,
אָט האָט זיך אַ ווינקל הימל אויפגעעפנט
און אַ נייער נס האָט זיך גענומען שפּרייטן...
וואָס — ווער — ווען — פון וואַנען און פון ווענען?
אַלע שטויסן זיך, נאָר קיינער קען נישט טרעפן...

— יט —

אַ געלויב צו דעם, וואָס איז אין הימל,
פאַרן שיינעם חלום אין מיין דרימל...

צום טאַטן

צי בין איך דען נישט קיין געטרייער צווייג
פון אונדזער שטאַם?
מער־נישט, מיך טראָגן פליגל
האַלבע נאַכט צום שטערן־ים.

וואָס זוך איך אין הימל מיט שטערן,
טאַקע וואָס?
נאָר עמעצער באַהאַלט זיך און לויערט
אין שטילן גראָז...

— חצות־לילה פלעגט דוד אויפשטיין...
איך ווייס: צו לויבן גאָט.
נו, איך שטיי דען אויף —
צו מאַכן, חלילה, פון עמעצן שפּאָט?

איך לויב און גרייס נאָר יענע,
וואָס כ׳האָב זייער תמימות דערקענט.
דעם מנוול אַרט מיין שפּאָט נישט.
זאָל ער קומען אויף אַנדערע הענט.

פון דודס תהילים ציען זיך
דורך דורות און דורך דיר —
דין־דינע פעדעם
ביז צו מיין טיר.

אָסור, אָן דיין ניגון —
צי וואָלט איך גוט געקענט פאַרשטיין
נישט נאָר דודס „ברכי נפשי״,
נאָר זיין „למה ד׳ תעמוד ברחוק״־געוויין.

אַט־דער דורות־אַלטער ניגון
שפּילט מיר אין געמיט,
אַזוי ווי שטאַרקער וויין —
וויל איך אים אויסזינגען אין מיין ליד.

דאָס איז דאָך מיין איינציקע מיצווה —
מיין צוגענייגט וואָרט,
אַחוץ עטלעכע מאָגערע מעשים־טובים
דאָ און דאָרט.

און עפּעס גיט דאָס ליד זעט,
אַזוי ווי פאַרהאָרעוועט פּיסנע ברויט.
און איך פאַרזינג מיך מיטן ניגון,
וואָס דו האָסט מיר פאַרטרויט.

און פּונקט ווי דער מאַמעס לשון־ליד
איז מיט איר מילך מיר אין בלוט אַריין,
אַזוי אויך דיין ניגון,
דער טערפּקע־זיסער וויין.

דער ניגון צעבלאָזט אין מיר פונקען,
כ׳זאָל נישט ווערן שטאַר און שטום;
ווי דער מאַמעס רייד, זייער קלאַנג און טעם,
וואָס אָן זיי קום איך אום.

איר האָט ביידע אַ גלייכן חלק דערין,
וואָס כ׳האָב אַזוי ליב געזאַנג.
פאַר וואָס זשע בין איך צוליבן ליד פאַרשעמט,
און אָנגעדראָדלט און קראַנק?

ווייל אפילו אין דיינעם אַ פריילעכן ניגון
האָט זיך אַריינגעמישט אַן „אוי!“.
דו האָסט קיין מאָל נישט געטאַנצט אין די גאַסן,
און מיר איז אויך מסתמא באַשערט אַזוי.

סטרונעס

אין די ווענט פון מיין שטוב שטייען ספרים
פון דורי־דורות צוריק.
איך גיי אום ווי׳ן אַ ליכטיקער תפיסה,
מיט אַן אייביק־פאַרליבטן בליק.

און צווישן די פּאָליצעס ציט זיך
פון דינע סטרונעס אַ בריק,
ווי איבערן גוף פון אַ פידל,
וואָס גאַרט נאָכן גלעט פון אַ סמיק.

איך גיי אום ווי׳ן אַ ליכטיקער תפיסה,
מיט רחמימדיקע הענט —
און איך שפּיל אַ פאַרטראַכטן ניגון
אויף די סטרונעס, וואָס צווישן די ווענט.

דער ניגון איז דין און געשלענגלט
און מיט אייביקייט דורכגעבלענדט.
מיינע אַלע געשרייען זאַפּט ער,
נאָר ער פלאַטערט און ווערט נישט פאַרלענדט...

אַ נאַכט אַנגסטן

(מיין טייערן חבר הערשל רייכער
און זיין ליבער פרוי).

דער שטאָט־צעדרייטער פון מיין אויסגעטייטן שטעטל
שטייט אויף פון מאַסן־קבר, קומט צו מיר צו חלום — — —
ער ציליעט דורך מיין אויסגעהוילטן שלאָף מיט אַנגסטן,
און רייסט אים אויף מיט שטום און פיבערדיק געפילדער.
פאַרחושכט איז ער דאָ, פאַרהויקערט און פאַרשאָטן.
ער פראָשעט פון זיך אָפּ די גרודעס בלוט און בלאָטע,
און ווישט זיך אויס די אויגן מיט אַ פאָלע צויטן,
ווי מיט אַ שמאַטע — אַנגעפּראָסטיקטע צוויי שויבן — — —

זיין צורה איז פאַרמעקט, אַזוי אויך די דיבורים.
די ליפּן רירן זיך אי יאָ, אי נישט, אי ביידע.
איך הער די דולע רייד ווי פון אַ הוילער הורבע.
קיין ווערטער כאַפּ איך נישט. נישטאָ וואָס צו פאַרגעסן.
זיי קומען אָבער סיי־ווי, בלייבן אין זיכרון.
ער גלאָצט אויף מיר, און אָן אַ פינטל מיט די אויגן,
און טייטלט צו מיר, ווי אַ זעענדיקער בלינדער:
— ביסט ווידער דאָ. דו האָסט היינט יאָרצייט נאָך דיין שטעטל...

*

— אויף מיר האָט מען געהאַט דאָס גויאישע רחמנות:
מ׳האָט מיך געקיילט, נאָר איך האָב זיי געלאַכט אין פּנים,
ביז איינער האָט געזאָגט: — ס׳אַ טייוול! לאָזט אים לויפן!
און איינער: — פודזש לאַ מאַמאַ דראַקולוי! *) וואָס ליגסטו? —
האָב איך אַ שפּרונג געטאָן אין קבר — זיי צו להכעיס.

*) אַ רומענישער אידיאָם: אַנטלויף צום טייוולס מאַמע.

די טויטע האָבן וואָרעם מיך אַרומגענומען.
און זינט פון יענער רגע שפּיל איך די קאָמעדיע —
נישט איך אַליין, נאָר עמעץ־דאָרטן שפּילט זי מיט מיר:
בשעת די פייגל פּישטשען, בלויע שטערן בלישטשען —
באַהאַלט איך מיך אין מאַסן־קבר אין אַ נאָרע.
איך וויל נישט, אַז מע זאָל מיך זען און מיר פאַרגעבן....
נאָר צו מיין יאָרצייט קומט אַראָפּ אַ האַנט און וועקט מיך.
זי האַלט אַ שופר אין די ליפּן — און סע הודעט.
איך שטעל מיך אויף און צי מיך אויס אַזש ביזן הימל — — —

*

פון אויבן וואַרט אויף אונדז אַ נעפּל פערד־און־וואָגן.
מיר לאָזן זיך אַריבער ווייטע בערג און טאָלן — — —
מיט אונדז, ווי מחנות טויבן, מחנותווייז טליתים,
וואָס פליען אָן מיט פּאַכעניש פון אַלע זייטן.
דער וואַלד טליתים וויגט זיך ווי אויף הענט פאַרקלעמטע,
וואָס רייסן זיך אין ווינט אַריין ווי צוגעשמידטע.
אַ שטום געהעשע קומט מיט זיי, ווי הייסע כוואַליעס,
און גליווערט איין אין מיר דעם שטראָם פון מיינע בלוטן.
זיי רופן מיך אַריין צו זיך אין דעם געפלאַטער,
און וויקלען אויף פאַר מיר אַ שורשעדיקן פאַרמעט —
און פליענדיקע גיט מען מיר אַ שטילע עליה,
מע רופט מיך צו דער תוכחה, ווי צו אַ גנבה —
איך הער מיין נאָמען און מיין טאַטנס און מיין זיידנס...
די ברכה טראַכט איך בלויז אַרויס פון זיך, מיט אימה,
די ווערטער פליען אום ווי פונקען אין דער פינצטער,
נאָר נאָך דער ברכה ווערט אַ שטום, פאַרשטיקט געלעכטער...
דערנאָכדעם ווערט אין גאַנצן שטיל—מע לייענט קיין אות נישט.
די שטילקייט ווייַנט, פאַרגייט זיך ווידער אין געהעשע.

*

איך כאַפּ מיך אויף, איך שריי אין פּוסטענישן ווייטע,
איך שטרעק די שטאַרע הענט, כאַטש עפּעס אָנצורירן.
אין חושך ליגט מיר ביי די פיס און לייכט אַ שמ׳ע.
איך וויש איר פונעם פּנים אָפּ דאָס בלוט, די בלאָטע.
איך קוש אין איר די אותיות אויס — זיי נעמען וויינען.
זי נעמט זיך אָבער קרישלען, וויל נישט מיינע פינגער.
איך הער, אין הינטערגאַסן שאַרפט מען נאָך די מעסערס.
כ׳האָב אין אַ הינטערגאַס פאַרגעסן טאַטע־מאַמע.
אַ שטומער ווייטיק הערט נישט אויף אין מיר צו הודיען.
איך צאַפּל און איך וויג מיך אין אים ווי׳ן אַ פּעטליע.
ווער ווייסט, צי וועט דער טאַטע מיך נאָך ווען קענען,
און ווי אַזוי די מאַמע וועט נאָך אויף מיר קוקן . . .

*

— כ׳בין נישט געשטאָרבן, נאָר אַ טויטער לעב איך ווייטער.
דו קענסט עס אַנדערש נישט פאַרשטיין, נאָר מיט אַ משל:
מ׳האָט אַלעמען געקיילט, און אָפּגעפּליקט אפילו,
און אָנגעשאָטן פולע אויסגעהאַקטע גריבער.
אויך מיך האָט מען געקיילט, נאָר עפּעס נישט דערקיילט מיך,
און מ׳האָט מיך אָפּגעפּליקט — און מער געדענק איך גאָרנישט...
און מיך האָט אויפגעוועקט מיין אייגענער געכאָרכל.
איך קוק מיך אום — און שלאָף גאָר אויף אַ קופּע טויטע . . .
איצט גיי איך אום אַ נישט־דערקיילטער, אָפּגעפּליקטער —
און אָט, מיר גייען איינס צום אַנדערן צו חלום . . .

*

איך כאַפּ מיך אויף, איז אָפּגעטאָן פון מיר די זעאונג.
נישט אַנדערש, כ׳בין אַליין דער חלום־גאַסט בהקיץ;
איך גיי צו מיר צו חלום און אויף קבר־אבות.
פון אַלע הורבעס רייד איז גאָרנישט נישט געבליבן,
נאָר סיידנס אַ געשושקעריי אַרום די שלייפן.

איך שפּיז די זשאַווערדיקע נאָדלען פון מיין טראַכטן,
איך שייער מיינע שטומפּיקע צוויי מוח־הערנער —
איך וויל דערדליבען כאָטש אַן אָנהייב פון אַ פאָדעם
אין פּלאָנטער רייד, וואָס שושקען חלומדיק אין אויער.
איך בלינדיק טיף אַריין אין זיך — צונויפצושטשאָבען
די ברעקלעך זינען, וואָס אַ חלום קען פאַרמאָגן.

אומזיסט. וואָס מער איך פּרואוו אַ וואָרט צו כאַפּן, פלאַפּלען,
אַלץ מער פאַרציען זיך די חושים ווי מיט בעלמעס.
איך צי פון זיך די רייד ווי פון אַ פוסטן ברונעם.
די עמערס בייטן זיך מיט ווייַנענדיקער שטומקייט,
און ס׳קאַפּען פון זיי גליווערדיקע טראָפּנס לעסטער.

*

— איך ליג, נאָר שטענדיק זשומען אום אין מיר געטראַכטסן,
ווי כמאַרעס בינען, וואָס זיי ווילן בלויז נאָר שטעכן,
און סמען מיט דער גאַל אפילו זייער האָניק.
מיך וואַרפט אין הינערפלעט אין אַנגסטנדיקע תהומען —
וואו ס׳מיניעט זיך דאָס פוילעניש פון מיינע לידער,
די זומפּן סמאָלעזאַמד פון מיינע לעסטערגראַמען.

צי ווייסטו כאָטש מיט ועמען כ׳וואוין אַצינד אין שכנות —
נאָך מער: מיר שלאָפן אויפן אייגענעם געלעגער? —
איך וואוין, דער שטאָט־צעדרייטער, וואוינט ביים מרא־דאתרא.
דערמאָן דיך, ס׳האָט אים קיין מאָל נישט געקלעקט קיין כוח,
ווי בלויז אויף צוויי מאָל דורכן יאָר אַ דרשה האַלטן.
נישט זאָל אים צו קיין בושה זיין, די ביידע דרשות
האָט אויכעט קיינער נישט געהערט, נאָר בלויז די זיפצן.
די זיפצן, אמת, האָבן אַזש געשפּאָלטן הימלען.
נאָר וואָס ער האָט געזאָגט צעווישן אַלע זיפצן —
האָט מען זיך נאָר געשטויסן און זיך נאָר געסודעט.

איז איך, דער שטאָט־צעדרייטער, וואָס ער שרעקט די קינדער, —
מיט וועמען כראָפּע איך אַצינד אויף איין געלעגער?
מיט יענעם זיפּצער אויפן גלות פון דער שכינה.
ער איז געגאַנגען מיט זיין סטאַדע צו דער שחיטה —
אַזוי דאַרף זיין, ר׳האָט אַלעמען געהאָלפן זיפצן...
אַ שברי־גופּעלע, אַ חלוש, אַ בעל־מיחוש —
מע רופט אים און מע בעט אים רחמים: זיי אַ פאַסטעך
צון אַ צעפּלאָשטער סטאַדע שאָף — איז ער געקומען...

נאָר דער פון אויבן, וואָס איך וויל אים נישט דערמאָנען —
זאָג דו, וואו האָט ער דעמאָלט זיך געקערט באַהאַלטן,
ווען מ׳האָט די עופּעלעך געשאָכטן אויף די מאַמעס — ?
מסתמא ערגעץ אין די טיפסטע ערד־געדערעם,
און זיך די אויערן פאַרשטאָפּט מיט טויבע ווינטן.
דאָס זון־אויג, זאָג, פאַר וואָס האָט ער נישט אויסגעשטאָכן?
פאַר וואָס, אָ, זאָג, האָט ער די רוצחים צוגעלויכטן?...

*

— ביים בית־דין־צדק צי כ׳בין שוין געווען? ניין, נאָך נישט.
מע רופט מיך נישט. סע קען געזיין אַ מיין דערינען...
דו זאָגסט: נישט גוט צום אייבערשטן צו האָבן טענות.
נאָך ערגער, זאָג איך דיר, איז זוכן אויף אים זכותים...
פאַר טענות שרעקט ער זיך מסתמא ווינציק איבער,
נאָר דאַרף ער טאַקע נעבעך האָבן אונדזער לאַסקע?...

סע טאָגט. איך שטעל אַ פּינטעלע — און אויס געפּלאַפּל.
איצט גיי צוריק אין דיין צעקלויטשעטער מנוחה,
צעשרייבער מיינער, כאַפּ דיך אויף — און הייב אָן שרייבן...

ווידער...

— — — ווידער בין איך אין מיין חרוב שטעטל.
עמעץ נעמט זיך צו מיר ווייזן ווידער.
קום אַ ביסל נענטער צו, איך בעט דיך.
מיר איז שווער אַראָפּגיין אין דער נידער.

לעשט זיך אויס דאָס בילד און ווייזט זיך נענטער —
איך זאָל זען דאָס פּנים און די אויגן.
— יינגעלע, דו ביסט מיר עפּעס קענטלעך,
נאָר איך בין שוין ווייט פון דיר פאַרפלויגן.

ווי, — דער חושך שרעקט דיך שוין נישט מערער.
אָבער איך גיי דאָ באַלד אויס פאַר מורא.
ווער האָט דאָ פאַרלאָשן אַלע שטערן?
זאָג מיר עפּעס, יינגעלע פאַרלוירנס.

ווער האָט דיר דאָס לשון אָפּגענומען?
ווער האָט דיך באַגראָבן אינעם תוהו?
וויפל מאָל וועל איך נאָך צו דיר קומען
רעדן צו דיר, יינגעלע פאַרטרויערטס?

דרייסט זיך אויס מיט ביטערן פאַראיבל.
לאָזסט אַראָפּ די אויגן מיטן שטערן.
יינגעלע, ווען בעטן מיר זיך איבער?
זאָג מיר עפּעס, לאָז מיך עפּעס הערן.

ווינפל מיר איז חלומען באַשערט נאָך
און נאָך צוגעזאָגטער טרייסט צו בענקען,
וועל איך קומען, פון די ווייטסטע ערטער —
דו זאָלסט מיר דיין ליפּ, דיין אויער שענקען.

ערגעץ דאָ איז דאָ אַ הויכע מויער,
און אין טורעם — בוידעמשטיבער זיבן.
ערגעץ דאָרט, אין טונקלעניש, אין בלויער,
ליגט פאַרשעמט אַן אוצר אָנגעקליבן.

קיינער ווייסט נישט פונעם אוצר, קיינער —
איך און דו און אַנדערע פאַרגאַרטע.
אין די חצותן הערט מען דאָרטן וויינען —
ווייל דער אוצר כליפּעט און ער וואַרט דאָרט...

קום, מיר וועלן עפענען דעם טויער,
און דעם אוצר נעמען, אָן געווימל —
און מיט אים פאַרפליען אין די בלויען,
וואו די ערד צעקושט זיך מיטן הימל.

דאָרטן, וועלן צום אַ ים מיר קומען,
און אין ים — פאַרטראַכטע אינדזלען זיבן,
און אויף איינעם — אַ פאַרטראַכטע אומה,
וואָס אַ רשע האָט אַהין פאַרטריבן.

אָט אין יענעם לאַנד פאַרטראַכטן, ווייטן —
דאָרט איז גוט דעם אוצר אויסצוטיילן:
יעדער פון די גוטע־פרומע לייטן
נעמט צו זיך אין האַרץ אַריין אַ חלק...

— — — ווידער בין איך אין מיין חרוב שטעטל,
און דאָס יינגעלע, וואָס ווייזט זיך ווידער,
הערט נישט, וואָס איך רעד צו אים און בעט אים —
און פאַרשווינדט וואו ערגעץ אין דער נידער...

איך בין שוין באַלד אַן אַלטער ייד

איך בין שוין באַלד אַן אַלטער ייד,
נאָר כ׳גיי בישט איינגעבויגן.
קיין קנייטשן אין פּנים האָב איך ניט,
נאָר דעם טאַטנס צער אין די אויגן.

אויף וואָס האָט דער טאַטע ז״ל געקלאָגט?
אויף גלות־השכינה מסתמא.
און איך האָב מיינע טעג פאַריאָגט
מיט ציליען שנירלעך גראַמען.

כ׳האָב אויסגעפּוצט מיין לידער־קראָם
מיט גלעקעלעך אין גאַמעס.
נאָר כ׳בין אָנגעזאַפּט אַזוי ווי אַ שוואָם
מיט געוויין פון פאַרצער׳טע מאַמעס.

צי ניץ איך דען געטאָקטע רייד
אַרויסצורופן געלעכטער?
כ׳בין טמא אין דער הייליקייט
פון פאַרשעמטע יידישע טעכטער.

כ׳בין נישט געווען ביים טאַטנס טויט,
נישט פאַרמאַכט זיין בליק ביים שטאַרבן.
איך טראָג אים אָבער אונטער מיין הויט —
אַזוי זאָל מיין זון מיך אַרבן.

כ׳האָב אויסגעוואָגלט אַ האַלבע וועלט,
דער שטעקן — אַ לאַנגסטיקער, אַלטער —
נאָר איך קום צוריק צום טאַטנס געצעלט,
אין זיין שאָטן מיך צו באַהאַלטן...

כ'על נאָך איבערשניידן נישט איין לאַנד
און וועלדער, פול מיט פאַרראַטן —
און ביז כ'על ווידער דערפילן מיין האַנט
אין דער וואַרעמער האַנט, דעם טאַטנס.

כ'על קומען צוריק צו יענעם אָרט,
וואו גלייביק, אין אַ באַגינען,
האָב איך מיך געלאָזט מיטן טאַטנס וואָרט
די ווייטע וועלט געפינען.

האָב איך אויסגעוואָגלט אַ לעבן לאַנג,
אונטער אַלערליי שטערן און זונען —
כ'האָב בלוטיקע סלידן געלאָזט מיטן גאַנג,
נאָר די ווייטע וועלט נישט געפונען.

די ווייטן האָבן געבלענדט און גענאַרט.
כ'האָב שיר־נישט די היים פאַרגעסן.
נאָר דעם טאַטנס געצעלט שטייט אַלץ און וואַרט,
איך זאָל קומען אַהיים פונדעסן...

זיין ניגון ליגט אין מיין איטלעכן גליד
און אין מיינע פאַרטרערטע אויגן.
איך בין שוין באַלד אַן אַלטער ייד,
נאָר די באָרד איז אַוועקגעפלויגן...

אַ ווינקל פעלד

איך האָב אויסגעשטיינערט שווער אַ ווינקל פעלד,
פאַר אַ קאַרשנביימל לעבן מיין געצעלט.

זאָלן צווייגן צווייט זיך ציען אינעם רוים —
איך זאָל אויכעט וואַקסן, צוויטען ווי אַ בוים.

זאָל אַ שוואַלב פאַרבלאָנדזשען מיט איר פּאָר אַהער,
זאָלן בלימלען פלאַטערלעך אויף לייב פון ערד.

און אַרום דעם ביימל האָב איך אָפּגעקלערט,
אין אַן עיגול, עטלעכענע איילן ערד,

און דערויף פאַרשריבן, מיט אַ שפּאַן אויף זאַמד,
שטילע ווערטער, וואָס מיין ווייטיק ציילט און צאמט.

שטילע ווערטער, ס׳איז געוועזן מיין בייט מיט גרינס,
כאָטש דער הימל האָט געקאַרגט זיין גאָלד און גין.

דורך אַ טויער טרויער קומט צו מאָל די פרייד —
גיט אַ פלאַטער מיט די פליגל, און פאַרגייט;

גיט אַ פליטער און אַ פלאַטער, און פאַרשווינדט —
ערגעץ הינטער וועלדער הפקרט דאָרט אַ ווינט.

און ער קומט אין חושך און ער שויבערט, מעקט —
און פאַרטראָגט די אותיות אין די ווייטסטע עק,

און פאַרוויסט די צווייגן פון מיין קאַרשנבוים —
אַז מיין דורכגעטרויערט אויג דערקענט אים קוים.

נאָר אין די באַגינענס, נאָך די שוואַרצע נעכט,
נעם איך ווידער היילן וואָס דער ווינט צעברעכט.

און איך נעם פאַרשרייבן, מיט אַ שפּאַן אויף זאַמד,
שטילע ווערטער, וואָס מיין ווייטיק ציילט און צאמט.

שטילע ווערטער, וואָס זיי זאָגן ווינציק אויס —
ווייל דאָס ליד איז אויבעט נאָר אַ חלום בלויז...

יולי 1967

כ׳האָב ליב די ברעזע

פון אַלע פאַרשיידענעביימער אין וואַלד
האָב איך ליב די ברעזע — איר ווייסע געשטאַלט.

די גלידער געטאָקטע, די שטילע קני,
און דער שאָטן — עפּעס ווי נישט פון הי.

זי טראָגט אירע שיינקייטן האַלב אַנטבלויזט,
און דעקט זיי צו מיט בלעטעלעך בלויז.

נאָר די בלעטעלעך בלעזלען זיך, קוים נאָר אַ ווינט,
און די ברעזע פאַרשעמט זיך, אַזוי ווי אַ קינד.

מע דאַרף זיך נישט שעמען, ברעזע, ניין —
דיין ווייסע געשטאַלט איז פון גאָט און איז שיין.

און איך בין אַ פויגל, וואָס זעט דיך פון ווייט.
דו זעסט אויס ווי אַ סאַרנע, כלה־צייט.

איך צי דורך אין אַ בליק אַלע הייכן דעם וואַלדס —
און אָט פלאַטער איך שוין ביי דיין סאַרנעהאַלדז.

דערזעט מיך אַ קראָ און צעקראַקעט זיך בייז:
„דו מיינסט, גאָט זעט נישט? ער זעט און ער ווייסט.״

איך וויל טאקע, גאָט זאָל זען, וואָס איך טו —
דו נאַרישע, בייזע וואָראָנע, דו.

דאָס טייכל אין וואַלד, וואָס שפּיגלט מיין סוד,
וועט זיין אַ מאָל מיין עדות פאַר גאָט...

דאָס זומערפעלד

לשחורת־העינים

כ׳בין אויפגעשטאַנען גלייך מיט דער וועלט,
ס׳האָט מיך געלאָקט דאָס זומערפעלד —
כ׳האָב געוואָלט אַרויס זיך פאַרתפילהן שטום
און גאַפן ווי שיין גאָטס וועלט איז אַרום.

איך פיר מיך אַזוי שוין צענדליקער יאָר,
ווייל איך מיטן זומערפעלד זע׳מיר אַ פּאָר:
איך פאַרנעם וואָס איטלעכס גרעזל וויל,
און איך גאַר ווי ווייןן זיין גוטע שטיל.

איך וואַש מיר אין בלוי דאָס באַטריבטע אויג,
וואָס איז באַלד שוין בלינד פון טרערנלויג —
און איך שענק מיינע לאַסקעס דעם קרייטעכץ און בוים,
וואָס וואַרטן עק פעלד, ביים סאַמע זוים.

צו קושן אַ בוים, און אַ גראָז, און אַ קווייט
איז ביי מיר אַזאַ געבוירנקייט.
זיי גיבן אַ שאָרך און אַ קוש צוריק —
און מענטשן טראַכטן: אַ ביימערניק...

כ׳האָב געעפנט זאַכט די פאַרשלאָפענע טיר —
און אַ שרעקלעך בילד באַוויזט זיך מיר:
אַ וואָלקן שלאָגט זיך מיט דער זון —
מיר נעמט אַזש זעצן דאָס האַרץ דערפון.

אַ פּיפּערשלאַנג מיט אַ קאָפּ פון אַ קראָט,
און זיין שנאָבל פאַרשלינגט די זון אָט־אָט.
זי קרישלט די שטראַלן מיט ציין און מיט צונג —
און גרייט זיך צום לעצטן כאַפּ־און־שלונג.

אין מיר האָט אויפגעברויזט דער כעס:
איך וועל נישט דערלאָזן אַזוינס און אַזאָס!
ווי מעגסטו, דו וואָלקן־עקדיש, זאָג,
פאַרשטערן מיר דעם זומערטאָג?

כ׳האָב אָנגעגורט מיינע לענדן גיך
און גלייך אויף דער שלאַנג געוואָרפן זיך,
מיט די פויסטן געפּאָכעט הויך און ווייט —
וואו דער וואָלקן שלינגט שוין די זון פון דער זייט.

כ׳האָב דערלאַנגט מיט די אָרעמס אַ זעץ און אַ וויש —
דער כעס האָט געצישעט ציש נאָך ציש:
דו, פינצטערער וואָלקן, צעפלאַטער זיש,
פאַרנעם זיך פון דאַנען באַלד און גיש!

כ׳האָב געכעסט און געפּאָכעט — איך ווייס נישט ווי לאַנג,
נאָר כ׳האָב זי פארטריבן, די וואָלקנשלאנג.
זי איז ערגעץ אַנטרונען, פינצטער ווי בליי,
און די זון האָט אָפּגעאָטעמט פריי.

און איך בין אַוועק וואו־אַהין כ׳האָב געוואָלט.
דאָס פעלד האָט געוואַרט מיט זיין גרין און זיין גאָלד.
כ׳האָב אַזש געלאָזט אַ שטילע טרער:
אַ דאַנק דיר, גאָט. — וואָס וויל איך דען מער?...

דוד המלכס פידל

אַ פידל פלעגט הענגען צו קאָפּנס
פון דוד המלכס בעט.
האַלבע נאַכט פלעגט קומען אַ ווינטל
און געבן די סטרונעס אַ גלעט.

פלעגט דוד המלך אויפשטיין
און זינגען אַ לויבגעזאַנג
צו גאָט און די הויכע הימלען —
אַ זאָג און אַ זונג און אַ קלאַנג.

די זאַנג אין פעלד פלעגט זיך וועקן
אין איר שעפּטשעדיקן שלאָף —
און הערן, ווי תּהילים־געזאַנגען
קומען אָן ווי שטילע שאָף.

צום דינעם, גינגאָלדענעם ציטער
פון דודס תּהילים־לויב
פלעגט נייגן דעם אויער און האָרכן
אַפילו דער מינדסטער שטויב.

„איך לויב מיין באַשעפער און גרייס אים.
אין זיין הערלעכקייט איז ער גרויס.
אַפילו דער מינדסטער בריאה
זיין חסד ווייזט ער אַרויס.

איך הייב אויף מיינע הענט צום הימל,
און די אויגן — מיט געטרער:
וואָס פּרואווסטו מיך און שטראָפסט מיך?
געדענק, איך בין עפר, נישט מער.

דאָס לעבן איז אָט־ווי אַ שאָטן
פון אַ וואָלקן, וואָס פליט אין ווינט.
שמרני אל, באַהיט מיך —
איך זאָל מער נישט באַגיין קיין זינד.

דעם נביאס רייד זענען האַרבע,
זיי האָבן מיך גאַנץ צעשרויפט.
מיין גאָט, איך בין טיף געפאַלן —
נעם הייב מיך ווידער אויף."

דער קיניג דוד פאַרטראַכט זיך
און שטעלט צוויי שטילע טריט.
ער וויל עפּעס שטאַרק פאַרגעסן,
נאָר גראָד פאַרגעסט זיך ניט.

ער כליפּעט מיט טיפער חרטה.
די האַרף פאַלט אַרויס פון זיין האַנט.
ער באַהאַלט דאָס פאַרטרערטע פּנים
אינעם קיניגלעכן געוואַנט.

אַ זילבערן פערדל

די נאַכט פירט אַרום די לבנה —
ווי אַ זילבערן פערדל,
אויף אַ ציימל שטערן.

די גריווע — קאַמען צעשטראַלטע,
דער עק — צעפינקלט, פאַרריסן.
די ליכטיקע לייצן —
העט־העט, ווי זיי זאָלן פון גאַרנישט נישט וויסן.

דאָס פערדל שפּאַנט, נאָר סע טרעט נישט.
מע הערט נישט קיין טריט און מע זעט נישט.

סע שוועבט וואו־אַהינען —
פון דאַנען קיין וואַנען.
נאָר טאָמער פאַרקוקסטו זיך לענגער — איז ווערסטו פאַרמאַניעט,
פאַרלירסטו דעם זינען...

די נאַכט האָט אַראָפּגעגנידערט

אַ וואַזשנער אוצר בלינצלט
אין היכל פון דער נאַכט: —
פון שנירלעך מערשוים־קרעלן
און בייטשלעך פּערלפּראַכט —

ביז טיולן זייד, וואָס פינקלען
מיט פליטערלעך פון גאָלד,
און בראָשן — פונקט אַזוינע,
ווי זי האָט גראָד געוואָלט.

די קלאָרסטע ציטער־שפּילקעס,
וואָס מ׳האָט ווען אויסגעקלערט;
דעם סאַמע שענצטן סאַמעט,
וואָס ס׳האָט געזען נאָר ווער.

זי האָט אַראָפּגעגנידערט —
מע זאָל זי בעסער זען.
זי וויל זיך אויסבאַרימען:
שוין ווען אַזוינס געזען?...

פרומע שיינקייט

איך שטיי פאַרדביקעט־פרום פאַר אויפגעבליטע ליפּעס,
און גאַף: ווי שיין! מה נאה! — ווי אַ קינד.
און נעמען שעפּטשענען אַ תּפילה מיינע ליפּן —
איז קען איך נישט דערזען דערין קיין זינד.

כ׳בין קיינמאָל נישט געווען פראַנסואַ וויאָנס קיין חסיד,
בפרט: איך הייב אויף קיינעם נישט קיין האַנט.
איך האָב נישט ליב די שיינקייט אָן קיין שום פאַרוואָסן —
די שיינקייט אָן אַ האַרץ איז פוסטער טאַנד.

די שיינקייט דעקט מיר אָפּ די פּראַכט פון אירע גלידער, —
און טוט זיך אָן אין ליבלעכדיקן קלייד,
וואָס גאָט האָט עס געפורעמט, ווי אַ גוטער שמידער —
און זיך געפורעמט שמידנדיקערהייט.

(אַזוי איז, זאָגט מען, אין אַ ספר וואו פאַרשריבן,
וואָס אַלטע לייט גערענקען עס נאָך קוים —
ווייל פונעם גאַנצן ספר איז נישט מער געבליבן,
ווי שאָטנס פון אַ שטויב און פון אַ שוים...)

איך חלום פון בעריאָזעס מיט געטאָקטע קניען.
נאָך שטילער שיינקייט שמאַכט איך ווי נאָך וויין.
דער מאַנדל־שטעקן פון מיין ליד הייבט אָן צו בליען
אין זייער שטילער, שאָטנדיקער שיין.

די שיינקייט רירט אין מיר דעם קוואַל פון מיינע טרערן.
איך ווייס נישט, ווי כע קומט אַהער געוויין.
כ׳וועל נאָר אין אירע פרומע הענט געגעזן ווערן,
אַז איך זאָל אין מיין ווייטיק נישט פאַרגיין.

מיין נאַרישע האַרץ

(ס׳איז אַזוי גוט, גוט צו זיין. — שבתי פערל)

דאָס פשוטיקסטע קוקט מיך אָן מיט גוטע אויגן,
און ציט זיך צו מיר מיט געטרייע הענט.
איך האָב מיך שטיל צו יעדן דומם צוגעבויגן,
וואָס האָט צו מיר מיט ליבקייט זיך געגענט.

אַיעדער מינדסטער דומם הערט און זעט, — האָט חושים,
וואָס דרימלען, נאָר זיי וועקן זיך צו מאָל, —
און דעמאָלט ווערסטו צוגעצאַפּלט, ווילסט אים קושן:
דו האָסט דערפילט דעם תוכן אין דער שאָל...

ניטאָ, ווי קען גאָר ערגעץ זיין אַ טויטער דומם?
לייג צו דעם אויער — הערסטו: עפּעס זינגט...
די ליפּ דערפילט די וואַרעם אין דער הויט זיך שוימען,
דעם אָטעם — אין דער אייביקייט אַ רינג...

איך הער נישט נאָר וואָס יענער רעדט צו מיר און פּלאַפּלט.
דאָס זעמדל רעדט צו מיר, ווער־שמועסט די מילב.
דאָס מינדסטע שטויבל האָט אַ ציטער אין שוואַרצאַפּל,
און פוגעס שוועבן אין דער שטילסטער שטיל.

און פון איעדן דומם ציען דינע סטרונעס —
אין ערגעץ צו אַ צוגעטיילטער פּאָר.
כ׳האָב אַלע זאַכעכצער אַ מאָל אַזוי פאַרשפּונען —
צוריק מיט גוטע ווייס איך וויפל יאָר.

און שיינקייט ליגט נישט נאָר אין מיידלס שיינער צורה.
דער פעלדז, וואָס וואַקסט ביים ים, איז מער ווי שיין.
דאָס האַרץ איז אים פאַרפאַנצערט קעגן אַלע בורעס,
און ביז זיין לעצטער רגע וועט ער אַזוי שטיין.

און איך וועל אויכעט שטיין ווי לאַנג מיר וועט באַשערט זיין.
דער שטורעם אָבער שלינגט מיך שטיקערווייז.
ער גנבעט זיך און ער צעהאַקט מיט זיינע שווערדן
דאָס ביימל, וואָס איך פלאַנץ און איך באַווייז.

נאָר סיי־ווי איז צו מיר דער שר פון לידער גינציק —
ער לאָזט דעם דומם רעדן צו מיר שטום.
און וואָס מע האַלט מיך פאַר אַ נאַר — דאָס אַרט מיך ווינציק.
מיין נאַריש האַרץ נעמט העט־העט אַלץ אַרום.

כעלות־הבוקר

די נאַכט איז געזעסן אויף אַ גאָלדן איי —
זיין שיין קאָלכט אַ הימלשוועל.
זי איז געזעסן שטיל און פרום.
קוים,
וואָס מ׳האָט געהערט אַ פּישטש פון אַ פייגעלע
אויף אַ בוים,
אַ טרעל.

אַט־אַט, וועט זיך אויספּיקן פונעם איי
אַ הענדל —
און דערלאַנגען אַ לאַנגן קריי.
און פונעם הענדל וועט ווערן אַ האָן,
מיט אַ פייערדיקן קאַם
און מיט גאָלדענע שפּאָרן.
און אָן קיין שום צאָרן,
נאָר מיט רעכטפאַרטיקייט אין די פליגל,
וועט ער נעמען שפּרייזן —
איינצעמען די בייזע, פינצטערע וועלט,
זי אַרומנעמען מיט אַ ליכטיקן עיגול.

ער טוט עס נישט, כדי זיך צו באַווייזן,
נאָר אַזוי איז ער פון גאָט געשטעלט.

אוי,
דער געפּלאָגטער עקט זיך נאָך רו.
וואָס מאַטערט מען אים אַזוי,
גאָטעניו דו?...

אַ מאַמע האָדעוועט איר קינד

אַ מיידעלע, וואָס עסט און לאָזט נישט איבער,
באַקומט אַ חתן — הויך און קלוג און שיין.
נאָר טאָמער וויל אַ מיידעלע נישט עסן —
וועט זיין דער חתן קליין, מיט קרומע ציין.

אַ ייִנגעלע, וואָס שרייט און וויל נישט עסן,
באַקומט אַ כלה — הויקערדיק און מיאוס.
נאָר טאָמער עסט אַ ייִנגעלע און שרייט נישט —
וועט זיין די כלה שיין און קלוג און זיס.

די באַלאַדע פונעם זעלנער אויפן טויטנבעט

דער זעלנער ליגט אין אַ פייערטייך,
דאָס בעט איז ציכטיק און בלענדט.
ער האַלט די אויגן אויסגעגלייזט
צו די ווייסע ווענט געווענדט.

ער האָט שוין געשאָלטן די מאַמע גראָב,
ער האָט שוין געלעסטערט גאָט.
ער האָט אויסגעגאָסן אויף זייערע קעפּ
די מיאוסטע קללות, וואָס ר׳האָט.

די קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָדעוועט אים,
איז ליבלעך און מאַמעדיק גוט.
ער ציט זי אַריין מיט זיין גאַנצער גאַל
אין אַ זומפּ פון בלאָטע און בלוט.

„וואָס טויג מיר די מויד, וואָס וואַרט אויף מיר,
אַז כ׳האָב בישט קיין פיס און קיין הענט,
און אַ שטומפּיקע קאָסע, וויי און ווינד,
האָט מיר די דיך פאַרלענדט? —

מיין מויד מיט איר שטילער אויגנשפּראַך, —
וואָס וועל איך איר זאָגן אַצינד?
ווי זי פלעגט צו מיר שעפּטשען די ווערטער דריי:
אַ חתונה, לאַסקעס, אַ קינד...

וואָס טויג איך איר אָן הענט און אָן פיס,
וואָס טויג איך איר אָן אַ דיך?"
אַ פלאַמיקער פליגל פאָכעט אויף אים.
די שטראַלן קאָלטענען זיך.

„אוי, מאַמע געטרייע, דו זינדיקע,
און גאָט, דו מטורף, דו —
גיט ביידע אַ לעצטן קוק אויף מיר,
און לאָזט מיך, לאָזט מיך צו רו."

געקומען אַ ווינטל און ראָספּערט זיך
אין די פאַלבן פונעם גאַרדין.
און פון נאָענטן פעלד האָט פאַרבלאָנדזשעט שטיל
מיט איר זשומען אַ שטילע בין.

„פלי אַוועק געשווינד און געפין מיין מויד" —
דער זעלנער טראַכט מיט געכליפּ —
„און גיב איר אַ קוש און גיב איר אַ שטאָך
און אַ ביס אין דער סאַמע ליפּ.

זי וועט וויסן, מיין מויד, זי וועט פילן באַלד,
אַז דאָס איז אַלץ פון מיר."
ער זינקט אין אַ זומפּ פון בלאָטע און בלוט,
און אין פלאַמען פון דעליר.

איז געקומען די בין און אַ ביס געטאָן
דער מויד אין סאַמע מויל.
האָט די מויד אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:
„אַ בראָך איז מיר און אַ גרויל!...

איך פיל מיט מיין צעפּייניקט האַרץ,
מיין ווייטיק איז ביטער און טיף, —
אַז דאָס איז פון אים, פון מיין זעלנעריונג,
אַ לעצטער, אַ פינצטערער בריוו.״

די לעצטע רגעס צאַפּלען אויס,
אַט־אַט איז אַלץ פאַרביי.
אויף דער מאַמען, וואָס קומט, און אויף גאָט, וואָס שטומט,
גיט ער אַ לעצטן שפּיי.

און די מויד, וואָס קומט אין לעצטן שטראַל,
די איבערגעשראָקענע מויד,
ער שלעפּט זי אַריין צו זיך, אין תהום
פון בלאָטע, בלוט און טויט...

דער זעלנער ליגט אין אַ פייערטייך,
דאָס בעט איז ציכטיק און בלענדט.
ער האַלט די אויגן אויסגעגלייזט
צו די ווייסע ווענט געווענדט.

מיין חכמהניש באַלאַגערט מיך

מיין חכמהניש באַלאַגערט מיך —
איך מוז פון איר אַנטרינען.
וואו אָפּצופינצטערן מיין רעשטל ביסל יאָר —
אַ מקום־מקלט מוז איך מיר געפינען.

איך וועל מטריח זיין דעם ים,
דעם סאַמע ים־אוקינוס:
צעעפן מיר דיין טיפסטע טיף —
כ׳האָב דאָרט קיין מורא נישט פאַר קיין סכנות.

כ׳על אין אַ שטאָלן קעמערל אַראָפּ אַהין,
וואָס כ׳על אַ ליאַדע שפּאַלט דערין פאַרלייטן,
ס׳זאָל קוים דערגיין צו מיר
דער ווידערקלאַנג פון ערדישע טרומייטן.

איך נעם מיר מיט אַ זאַק מיט פּראָשיקעס,
אויף נישט באַדאַרפן, קעגן אַלע יצר־הרעס.
און איך פאַרגעס נישט אַנטיקופּידין —
אַז קיין מחשבה־זרה זאָל מיך דאָרט נישט טאָרען.

מע דאַרף זיך דאָרט נישט ליובען — מ׳איז דען פיש?
און קעגן הונגער איז פאַראַן אַ שוּוענקעכץ.
נאָר נאָך די שטערן אינעם הימלישן אָקעאַן
וועל איך דאָרט ווייטער בענקען.

ווי לעשט מען אויס די בענקשאַפט נאָך דער הייך?
ס׳איז נאָך נישטאָ דערצו קיין תרופה.
כ׳וועל הערן אין דער טיפסטער טיף
ווי ס׳וועט דער הימל שטערן מאַניען מיך און רופן.

איך גיי מיר בויען אַ לופטבאַלאָן

איך גיי מיר בויען אַ לופטבאַלאָן,
— איך דאַרף נאָך אַלץ באַקלערן, —
וואָס זאָל מיך נעמען, שאַ און שטיל
צון אַ וווייטן, שטילן שטערן.

די נסיעה מעג נעמען וויפל זי וויל.
אַ גרויסע נפקא־מינה?
אַבי איך זאָל אין אַ שיינעם טאָג
דעם ווייטן שטערן געפינען.

איך זיץ מיר פאַרדומעט און וויג מיך אין קויש,
מיט אַ ספרל פאַר די אויגן...
וואוהין איך פלי? נו, אַרויס מיטן סוד:
מסתמא צום שטערן נוגה.

נישקשה, מיט וואָס איז דער נוגה שלעכט?
אַזאַ יאָר אויף מיינע געטרייע.
מע זאָגט, אַז דאָרטן איז ליכטיק און שטיל,
אַז ס'איז ממש אין לשער.

צום פליען דאַרף מען עקשנות אַ ים.
דאָ גילט נישט קיין גויאישע גבורה.
איך האַלט אַ כשרע ציצה אין האַנט,
צו שפּאַלטן די ווילדסטע בורעס.

און דאָס ספרל האָט רמזים אַ סך
און מאָדנע צירופי־אותיות.
איך וועל אין אַ פרומען עיגול זיין
און נאָך זען וואונדיירים גרויסע.

פון דאַנען מוז איך אַוועק. ס'איז קלאָר.
איך קען שוין דאָ לענגער נישט בלייבן.
אפילו מע גיט מיר אַ שטוב מיט גאָלד —
כ'קען מער דאָ קיין לידער נישט שרייבן.

גיי שרייב אַ ליד אין אַזאַ הו־האַ.
וואָס קומט מיר דערפאַר ? איך קען נישט.
און איך פיל, אַז דאָס נישט־געשריבענע ליד
וועט מיך פראָסט און פשוט פאַרברענען.

סע פאַרגייען אַ מאָל חדשים און יאָר,
כ׳זאָל נישט זען קיין פען, קיין פאַפירן.
און וואָס איך לייד מיך אָן דערפון —
אַ שטיין פון דער ערד קען עס רירן.

איך מוז דאָ אומגיין טויב און שטום.
כ׳קען אַלעמען איבערשרייען?
און דאָס נישט־געשריבענע ליד — סע בריט,
אַז איך בייג מיך אַזש אין דרייען.

אַז וויי איז דעם שיכור, וואָס וויל „אַ טרונק״,
און ער האָט נישט קיין טראָפּן צום גומען.
דער שרייבער, וואָס האָט נישט קיין צייט צום ליד —
ער ווינטשט זיך, דער טויט זאָל שוין קומען.

* * *

די ווינטן קומען באַלכסון אַרויף,
נאָר איך זיץ און איך שטאַר זיי אַקעגן:
איך האָב מיט אייך קיין חשבונות נישט —
מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט.

און זייטס מיר אַלע געזונט און שטאַרק,
און שענקטס מיר אַ טרער אין די אויגן.
איך גיי מיר בויען אַ לופטבאַלאָן,
צו פליען צום שטערן נוגה...

עטלעכע ווערטער

כ׳האָב אין איצטיקן בוך אריינגענומען איין ליד פון מיין פריערדיקער לידער־זאמלונג („אויף מיין פידעלע ליד״, מאָנט־רעאל 1966) — „דער טאטע שרייבט א בריוו״. אָט־דאָס ליד איז פון לכתחילה געווען פארטראכט ווי א טייל פונעם „שטערן־וואָגן״. אין „שטערן־וואָגן״ זענען נאָך סיי ווי נישט אריין אלע געשטאלטן, וואָס פליען מיר נאָך פון מיינע קינדער־יאָרן אָן און וואָס זיי ווילן אלע אריין אהין. כ׳וועל מיט דער צייט זיי ביסלעכווייז אריינגעמען, וואָס זשע איז געווען דאָס איילעניש? נו, איך ווארט אלץ אויף כי־ירחיב. אָבער אז די הרחבה קומט נישט, טאָר מען נישט ווארטן, און מע טוט דערווייל וואָס מע קען.

מיט א גלאָסאר קען מען קיינמאָל נישט יוצא זיין קעגן אלע־מען. איינעם קען קלאָר זיין א לאָקאליזם, וואָס איז א צווייטן נישט קלאָר, און א צווייטן — אומקלאָר א וואָרט, וואָס אלע קענען עס דאכט זיך און וואָס איך פארטייטש עס **נישט**. און בכלל: לאָקאַליזמען מיגרירן, היינט מער ווי תמיד, און די דעמארקאציע־ליניעס אפילו צווישן דיאלעקטן ווערן אלץ מטושטשער. און סע גייט דאָך נישט נאָר אין לאָקאליזמען, נאָר אויך אין „נישט קיין גרינגע״ ווערטער. בין איך דערפאר אויך איצט ווייט פון אויס־געהאלטן אין מיין באגרענעצטן גלאָסאר. איך האָף, אז כאָטש א ביסל העלף איך דערמיט דעם געטרייען לייענער.

און אחרון אחרון: איך דאנק מיין טייערן פריינד, דעם מדרש־פאָרשער שמשון דונסקי, וואָס ער האָט מיר געהאָלפן ביים לייענען די קאָרעקטור־בויגנס. ס׳איז ווידער א מאָל נישט געגאנגען בלויז אין טיפּאָגראַפישע גרייזן. איך האָף, אז איך וועל אים קענען אָפּדינען אין פריידן, אין גיכן.

מ. מ. ש.

גלאָסאַר

•

אושפיזין — געסט
אָפּגעטשימכעט — אָפּגעשוירן
ארומלעטען — ארומשמאיען
„אַרעמאַנען" — ראַמאַנען
אָרע מיקל — פון ערי־מקלט
בעלי־ח"נען — בעלי־קבלה (ח"ן — חכמה נסתרת)
בעסעדעס; גיין אין די ב. — רכילותן
גליאַק; א ג. האָט מיך באטראסקעט — א גליק האָט מיך געטראָפן (שפּאָטיש)
געלענדער — געלעכטער
דולטשעץ — איינגעמאכטס
הילולא — א (חסידישע) שמחה, א ביינאכטיקע געוויינטלעך
ווילעוואָק — א ווייך איי, וואָס א חון פארלירט
טראפיק — טאבאק־פארקויף־קאָנצעסיע
„כריין" — חן; ס'האָט אלע כריינען — אלע חנען . . .
מטרוניתא — דאָ: אן איידעלע הארינטע
מאָנהייט — מאָנאט, חודש
מוניע, מה־חיינו — מה אָנו, מה חיינו
„מיטשעוואָטשע" — מעצאָוואָטשע
„ספלאָדימענטן" — אפּלאָדיסמענטן
פּאדען, ארומפּאדען — ארומשמאיען
פאפריצירט — געווירצט מיט „פּאפּריקא"
פּיטרעט — פון פּאָרטרעט; א שיינער מענטש
פּריפּענאציע — קאָנצעסיע צו פארקויפן אלקאָהאָלישע געטראנקען אנגראָ
„קאָמפּעדעריציע" — מוזיקאלישע קאָמפּאָזיציע
קאפּריץ — קאפּריז
קן־צפור — וואו די שכינה וואוינט
קרעדענץ — געגלייזטע שאפע
רייכטונג — רייכטום, עשירות
רעצעפּיכע — רציחה
שבילין — סטעזשקעס (שבילין־דרקיעא)
שפּאראט — קאָכאויוון

תוכן

●

במסתרים — — — — — — — — — — — — — — — 3

דער שטערן-וואָגן

דער שטערן־וואָגן

עמעץ האָט א ריר געטאָן דאָס פענצטער — — — — — — — 4
דער מלאך־דומה — — — — — — — — — — — — — — 5
דער גן־עדן־טויער — אָפּן — — — — — — — — — — — 9
די ליכטיקסטע געשטאַלט פון אלע — — — — — — — — — 12
די פארשטערטע חתונה — — — — — — — — — — — — 15
דער פעטער יאנקל — — — — — — — — — — — — — — 17
פּיאָמע — — — — — — — — — — — — — — — — — 19
דער טאטע שרייבט א בריוו — — — — — — — — — — 20
דער דריטער גראם — — — — — — — — — — — — — 22
דער פעטער קלמן און די מומע פעסיע
א) דער פעטער קלמן קלאָגט זיך — — — — — — — — 24
ב) דער פעטער קלמן זינגט — — — — — — — — — — 25
ג) דעם פעטערס ביי פירעכץ — — — — — — — — — — 26
ד) דער פעטער פייערט — — — — — — — — — — — — 28
ה) די מומע פעסיע קען שוין מער נישט טערפּען — — 29
ו) דער פעטער ענטפערט דער מומען צום ווייפלטן מאָל 31
ז) די דרשה — — — — — — — — — — — — — — — — 33
ח) די מומע פעסיע רעדט צו זיך אַליין — — — — — — 36
אונטער דער שטערן־חופּה — — — — — — — — — — — 40
צום טאטן — — — — — — — — — — — — — — — — — 52
סטרונעס — — — — — — — — — — — — — — — — — 54
א נאכט אנגסטן — — — — — — — — — — — — — — 55
ווידער . . . — — — — — — — — — — — — — — — — 60
איך ביט שוין באלד אן אלטער ייד — — — — — — — — 62
א ווינקל פעלד — — — — — — — — — — — — — — — 63

כהאָב ליב די ברעזע

כ׳האָב ליב די ברעזע — 65
דאָס זומערפעלד — 66
דוד המלכס פידל — 67
א זילבערן פערדל — 69
די נאכט האָט אראָפּגעגנידערט — 70
פרומע שיינקייט — 70
מיין נאריש הארץ — 71
כּעלות־הבוקר — 73
א מאמע האָדעוועט איר קינד — 74
די באלאדע פונעם זעלנער אויפן טויטנבעט — 74
מיין חכמהניש באלאגערט מיך — 77
איך גיי מיר בויען א לופטבאלאָן — 78